ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# נפלאות גדולות

## אידיש

628

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר

# נפלאות גדולות

אינד דיזען ספר ווערט ערציילט זייער וואונדערליכע זאכין פון דעם הייליגין צדיק ר' ישראל זצ"ל פון ריזין וועלכים מיר האבין ארויס גינומען פון הייליגע ספרים. אינד מיר האבן גידרוקט אויף זשארגאן. כדי יעדער מענטש זאל וויסען דאס גרויסקייט פון דיזען הייליגין צדיק זיע"א :

בהוצאות בית מסחר הספרים של ר' אהרן צייליגנאלד נ"י
בווארשא ברחוב נאלעווקי № 32

בילגורייא

בדפוס של ר' נתן נטע קראנענבערג נ"י

שנת תרע"א לפ"ק

## ווינדערליכע מעשיות פון דעם הייליגן צדיק ר' ישראל מריזין זצ"ל

אין דער שטאָט מעזיר איז גיוועזין
איין עושר אַ וואַלד סוחר און עהר
האָט שטענדיג גיפירט באַלקינס קיין
דאַנציג און עהר האָט גיפירט נאָר
איין גרויסען מסחר און עהר האָט גיהאַט
איין אָרימין ברידער און דער ברידער
האָט גיהאַט אַ סך קינדער . און איז
גיוועזין אַמלמד פון קליינע קינדער און
דער ברידער דער עושר האָט עהם
אַלע וואָך גיגעבין דרייא רובל אָבער
דער אָרימער האָט ניט גיוואָלט שטענדיג
נעמין קיין גישאַנק . דעריבער האָט
ער גיבעטין פון זיין ברידער אַז עהר
זאָל עהם נעמין פאַר איין באַדינער
און זיין האַנדיל האָט עהם דער עושר
גיענטפערט אַז ער וועט ניט טויגין
פאַר איין באַדינער און האַנדיל בעוויל
עהר איז שטענדיג גיוועזין אַ מלמד
איז ער ניט גיניט און האַנדיל האָט
דער אָרימער ברידער גיבעטין זיין
שוועגערין דעם ברידערס ווייב אַז
זיא זאָל בעטין איהר מאַן אַז עהר
זאָל עהם מאַכין איין האַנדיל כדי ער
זאָל ניט דאַרפין נעמין קיין גישאַנק
פון איין מענטשין האָט איהר דער
עושר גיענטפערט אַז ער וועט ניט
בעגליקין און קיין האַנדיל בעוויל
עהר איז איין מלמד איז עהר ניט
גיניט און וועלט זאַכין אָבער זיא
האָט איהם אַלע טאָג גיבעטין אַז עהר
זאָל מאַכין זיין ברידער איין האַנדיל
ביז עהר האָט איהר צו גיזאָגט אַז
עהר וועט קלערין איין עצה אַ וואָסערין
האַנדיל איהם צו מאַכין האָט זיא איהם
גיזאָגט אַז ער זאָל שוין פון היינט
אָהן ניט פאָרין קיין דאַנציג מיט דיא
באַלקינס נאָר ער זאָל שיקען זיין
ברידער דעם אָרימאַן איז דיא עצה
איהם גיפעלין און עהר האָט גישיקט
זיין אָרימין ברידער מיט דיא באַלקינס
קיין דאַנציג אַז עהר זאָל אַלטונג געבין
אויף דיא אַרבייטערס און עהר האָט
איהם גיגעבין איין כח הרשאה אַז
ער מעג פאַר קויפין דאָס גאַנצי גיהילץ
און עהר האָט איהם גיגעבין געלד אויף
הוצאות ביז דאַנציג און דער אָרימער
ברידער האָט אויף זיך גינימען מיט
פיל פרייד און ער איז גיפאָרין מיט
דיא באַלקינס אויף דעם טייך אַ
גאַנצין זומער ביז ער איז גיקומען
קיין דאַנציג און אַזוי וויא עהר
איז נאָר גיקומען און שטאָט אַריין
האָט עהר גיהערט אַז דער מסחר פון
האָלץ איז שטאַריק גיפאַלין און עס
איז נישט דאָ קיין קונה . האָט עהר
זיך דאָרט גיזאָהמט אַפאָר וואָכין און
עהר האָט נישט גיפינין קיין קונים
האָט עהר גיפרעגט דיא קאָמיסינערין
וואָס עהר זאָל טוהן צו עהר זאָל
זיך זאָמין און דאַנציג אַ גאַנצין ווינטער
צו זאָל עהר אַהיים פאָרין . האָט איהם
גיזאָגט איין קאָמיסינער אַז עס איז
גלייכער אַז ער זאָל אַהיים פאָרין
און זאָל דאָס האָלץ איבער לאָזין
און דאַנציג און עהר וועט איהם געבין
טויזנט רובל לע"ע כדי ער זאָל ניט
אַהיים פאָרין ליידיג און אַז עס
וועט אַביסיל טייערער ווערין דער
מקח פון האָלץ וועט עהר פאַר
קויפין דאָס האָלץ און ער וועט איהם
שיקען דאָס געלד אַהיים . איז דער
אָרימער ברידער באַשטאַנין אויף דעם
האָט

האט איהם דער קאמיסינער גיזאגט וויא אזוי ווים איך אז דיא מענכט פאר קויפין דאס האלץ האט דער ארימער ברידער ארוים גינימען פון זיין בטיל דעם שטר הרשאה פון זיין ברידער דער עושר אונ עהר האט איהם גינעבין דעם שטר הרשאה אז עהר זאל האבין צו ווייזין אז עהר מעג פאר קויפין דאס האלץ. אונ דער ארימער ברידער איז זיך אהיים גיפארין אונ אזוי וויא ער איז גיקומען צו זיין ברידער דער עושר האט עהר אהן גיהויבין צו וויינין אונ עהר האט עם גיזאגט אז אונ מיטין טייך זענין צוריקט גיווארין אלע בעלקים אונ אלץ וואס עם איז גיוועזין אויף זייא איז ארויין גיפאלין אונ טייך ארויין אונ דיא באלקינם איז ניט מיגליך גיוועזין צורק צוא נעמין וויל דאס וואסער איז גאר גרוים גיוועזין אונ ער אליין איז קוים ארוים מיט איין קליין שיפעל:

אונ אזויא וויא דער עושר האט דאס דער הערט האט ער שטארק גיוויינט אונ האט אזוי גיזאגט אויף מיין געלד וועל איך גיט זארגין נאר אויף פרעמד געלד וואס איך האב מיר אנטליגען טיא איך זארגין וויא וועל איך נעמין אפ צו געבין אונ דער עושר איז אזוי אום גינאנגין אונ עהר האט גיוויינט אונ עהר איז שיעור משוגע גיווארין פון וועגין טרויריקייט אונ וויא זיין ווייב האט דאס גיזעהן האט זיא עהם אהן גיהויבין צו טרייסטין מיט גוטע רייד אונ זיא האט עהם גיזאגט אז ער זאל אריבער פארין צו דעם היילינגען צדיק ר' ישראל מריזין ז"ל אונ ער זאל עם דער ציילין זיין צער אונ זאל הערין וואס דער צדיק וועט עהם ענטפערין.

האט ער זיך גיהארכט אונ איז אריבער גיפארין צו דעם היילינגין צדיק פון ריזין ז"ל אונ עהר האט דער ציילט דעם צדיק זיין ע"נ אז ער איז ארים גיווארין אונ זארגט נישט אויף זיך נאר אויף דיא חובות וואס עהר איז שולדיג אונ עהר האט נישט אפ צו געבין. האט עהם דער צדיק גיזאגט אזוי וויא דיא ביסט דאך גיניט אונ דעם מסחר פון האלץ ע"כ איז מיין עצה אז דיא זאלסט פארין קיין דאנציג אונ דיא זאלסט דארטין זיין איין קאמיסינער פון האלץ וועסט דיא פאר דינען אונ דיא וועסט קענין אפ געבין דיא חובות וואס דיא ביסט שולדיג:

אונ אזוי וויא ער איז אהיים גיקומען אונ ער האט דערציילט זיין ווייב וואס דער היילינער צדיק האט עהם גיזאגט. האט עהם זיין ווייב גיזאגט אז וויל עם איז אזוי ארוים גיגאנגין פון דעם צדיק'ס מויל זאל ער זעהן שוין מקיים צו זיין דעם צדיק'ס רייד אונ ער זאל זיך נישט פאר זוימין אפילו איין רגע נאר שוין צו פארין קיין דאנציג אונ ער האט אזוי גיטוהן אונ ער איז באלד גיפארין קיין דאנציג. אונ אזוי וויא ער איז גיקומען קיין דאנציג איז ער תיכף גיגאנגין נאך דעם גאסט הויז וויא דיא וואלד סוחרים זענין איין גישטאנין אונ ער האט זייא גיבעטין אז זייא זאלין זעהן עהם צו געבין עפים צו פאר דינען אז זייא זאלין עהם נעמין פאר איין (מעקלער) קאמיסינער. אזוי וויא דיא סוחרים האבין דאס גיהערט האבין זייא זיך אללע שטארק פאר וואונדערט אונ זייא האבין עם גיפרעגט דיא ביסט דאך שטענדיג גיוועזין איין גרויסער וואלד סוחר וויא אזוי ביסט דיא אזוי געך ארים גיווארין

האט

האָט ער זייא דער ציילט דיא מעשה פון זיינע באַלקינס וויא זייא זענין צו גימען גיוואָרין אונ סיטין טייך. האָבין דיא סוחרים עהם צו גיזאָגט אַז זייא וועלין עהם צו העלפין מיט וואָס זייא וועלין נאָר קאָנין אונ זייא וועלין זעהן אַז עהר זאָל ביי זייא עפּים פאַר דינין אונ זייא האָבין עהם גיהייסין נייַן אונ מאַריק אַריין זיכין אפשר איז דאָ האָלץ צו פאַר קויפין איז ער גיגאַנגין אונ מאַריק אַריין אונ ער האָט אַ גאַנצין טאָג גיזיכט האָלץ צו קויפין וועגין דיא סוחרים. האָט עהר באַגעגינט איין קאָמיסינער האָט עהר עהם גיפרעגט אויב ער ווייסט ווי עס איז דאָ האָלץ צו קויפין. האָט עם דער קאָמיסינער גיענטפערט אַז ער אַליין האָט האָלץ צו פאַר קויפין נאָר ער זאָל עס ניט באַצאָלין האָט ער עהם גיפרעגט דעם מקח האָט ער עם גיזאָגט. איז'ער אַריבער גיגאַנגין צו דיא סוחרים אונ ער האָט זייא דער ציילט אַז ער האָט גיטראָפין איין קאָמיסינער וואָס ער האָט האָלץ צו פאַר קויפין נאָר ער וויל איין טייערין מקח האָבין עהם דיא סוחרים גיענטפערט אַז זיי בעשטייאין פאַר דעם מקח אַז דיא סחורה וועט זיין גיט. איז ער אַריבער גיגאַנגין צו דעם קאָמיסינער אונ האָט עהם גיזאָגט אַז זיי בעשטייט אויף דעם מקח. האָט עם דער קאָמיסינער גיזאָגט אַז ער וויל שוין נישט פאַר קויפין פאַר דעם מקח בעוויל עס איז שוין טייערער גיוואָרין דאָס האָלץ איז ער אַריבער גיגאַנגין צו דיא סוחרים אונ האָט זייא דערציילט דיא רייד פון דעם קאָמיסינער האָבין זייא איהם גיזאָגט אַז זייא בעשטייאין אויף דעם מקח אויך אַז דאָס האָלץ וועט זיין גיט אונ זייא האָבין איהם גיזאָגט אַז ער זאָל ריפין דעם קאָמיסינער צו זייא איז ער גיגאַנגין צו דעם קאָמיסינער אונ ער האָט עם גיבעטין אַז ער זאָל מיט איהם גייַן צו דיא סוחרים איז ער מיט איהם גיגאַנגין. אונ אַז ער איז גיקומען צו דיא סוחרים האָט ער זיך גיהייסין געבין נאָך איין גרעסערין מקח פון דער פער בעוויל עס איז אַלע מאָל טייערער גיוואָרין אונ דיא סוחרים האָבין זיך מיט איהם גידינגין ביז זייא האָבין זיך אוים גיגלייכט האָבין דיא סוחרים איהם גיגעבין עטליכע טויזינט רוביל האַנד געלד אונ זייא האָבין אָהן גיהויבין צו שרייבין איין קאָנטראַקט אונ זייא האָבין איהם גיפרעגט אויף איין כח הרשאה האָט ער אַרוים גינומין פון זייַן בייטיל דעם כח הרשאה אונ האָט זייא גיוויזין אונ אַזוי וויא דער עושר דער קאָמיסינער האָט דער זעהן דעם כח הרשאה וואָס עס איז גיוועזין זייַן האַנד שריפט איז ער תיכף פאַר חלישת גיוואָרין אונ מען האָט איהם קוים דער מינטערט האָבין איהם דיא סוחרים גיפרעגט פאַר וואָס ער איז פאַר חלישת גיוואָרין האָט ער זייא גיזאָגט אַז ער האָט דער קענט זייַן כח הרשאה וואָס ער האָט גיגעבין זייַן אָרימין ברידער אַז ער זאָל מעגין פאַר קויפין דאָס האָלץ קימט דאָך אוים אַז דאָס גאַנצע האָלץ איז זייַן. זענין דיא סוחרים מיט איהם גיגאַנגין צו דעם ברעג טייך וואָס דאָרטין זענין גילעגין דיא באַלקינס האָבין זיי גיזעהן אַז יעדער בעליק איז גיוועזין אָפּ גיחתמיט מיט זייַן חתימה אונ זייַן נאָמין. האָבין זייא גיזעהן אַז ער איז גירעכט האָבין זייא איהם באַצאָלט

זיס נאַנצע געלד . אונ דעם קאָמיסיגער אָס ער האָט גיהאַט זיין כח הרשאה האָבין זייא באַצאָלט פאַר זיין טרחה אונ דיא טויזינד רובי"ל וואָס ער האָט גינעבין דעם עושר'ס ברידער האָבין זייא איהם אויך אָפּ גיגעבין . אונ דער עושר איז זיך אַהיים גיפאָרין פריילּיך מיט אַכאַך געלד . אונ איז תיכף ארובער גיפּאָרין צו דעם הייליגען צדיק פון ריזין אונ האָט איהם דער צייילט דיא גאַנצי מעשה האָט עס דער צדיק גיזאָגט איך האָב גיוויסט אַז ער איז איין מלמד אונ גישט קיין גנב דעריבער האָב איך דיך גישיקט קיין דאַנציג אונ דער צדיק האָט איהם גיזאָגט אַז ער זאָל שוין מיין גישט שיקען זיין ברידער נאָר ער זאָל איהם וויטער געבין דרייא רוביל אַוואָך אונ אַז ער וועט חתונה מאַכין איין קינד זאָל ער איהם געבין הונדערט רוביל :

## נאָך אַ מַעֲשֶׂה פון דעם הייליגין צַדיק ר"י מריזין

אונ דער שטאָט סקווירא איז גיוועזין איין אלמנה אונ זיא האָט גיהאַט דרייא טעכטער אונ איין זוהן אונ איהר פרנסה איז גיוועזין וואָס דער זוהן האָט גיטראָגין וואַסער פון דעם האָט עהר גישפּייזט זיין מוטער אונ זיינע שוועסטער אונ אין יענער צייט איז אַרוים גיגעבין גיוואָרין פון סאַגאַט איין באַפעל אַז פון יודין זאָל מען אויך נעמין פאַר זעלנער אונ דיא פראַווע איז גיוועזין אַז קיין בן יחיד האָט מען גישט גיטאָרט נעמין פאַר קיין זעלנער . אונ דאַמאָלס האָט מען גידינט 25 יאָהר אונ אין יעדער שטאָט איז גיוועזין איין עלצטער וואָס ער האָט צו גיגימען דיא זעלנער צו קריסטין איז גיוועזין איין עלצטער איין קריסט אונ צו דיא יודין איז גיוועזין איין עלצטער איין יוד אונ דיא עלצטע פון דיא יודין האָבין גישט גינימען קיין גביר'ישי קינדער פאַר קיין זעלנער נאָר אָרימי קינדער . אונ דער עלצטער פון דער שטאָט סקווירא האָט אויך אַזוי גוטהן אונ ער האָט גינימען דעם בן יחיד פון דער אלמנה אונ זיא זענין אַלע איבער גיבליבין אָהן איין אינטער לעבונג אונ וויל דיא פראַווע איז דאָך גיוועזין אַז מען טאָר נישט נעמין קיין בן יחיד האָט דער עלצטער אַזוי גוטהן ער האָט איין גישריבין דעם בן יחיד אויף איין עושר'ס נאָמין וואָס דער עושר האָט גיהאַט זעקס זוהן . דעריבער האָט ער איהם שוין גיקענט נעמין פאַר איין זעלנער . אונ דער עלצטער איז גיקומין אונ מיטין דער נאַכט מיט סטרוזשעס צו דער אלמנה צו נעמין דעם בן יחיד האָט דיא אלמנה אָהן גיהויבין צו שרייאין אונ צו וויינין אונ זיא האָט גיט גילאָזט איהם נעמין האָבין דיא סטרוזשעס זיא גישלאָגין ביז זיא איז שלאַף גיוואָרין אונ זייא האָבין גינומין דעם בן יחיד אונ זייא האָבין איהם אַוועק גיפירט אונ דער גובערניא אַריין קיין זיטאָמער אונ זייא האָבין איהם דאָרך גיפירט דאָרך דער שטאָט ריזין אונ אַזוי ווייא זייא זענין גיקומען קיין ריזין האָט ער זייא גיבעטין אַז זייא זאָלין מיט איהם גיין צו דעם צדיק פון דאָרטין אונ ער האָט זייא גיגעבין

גיגעבין אַ פּאָר קאָפּיקים אַז זיי זאָלין איהם טוהן דיא טובה האָבין זיי איהם גיפירט צו דעם צדיק פון ריזין און ער האָט דער צײלט דעם צדיק אַז ער איז אַבן יחיד און ער האָט גישפּײַזט זײַן מוטער און זײַנע שוועסטער און אַז מען האָט איהם גינומען מיט גיוואַלט . האָט איהם דער צדיק גיזאָגט אַז ער זאָל זיך נישט פאַרכטין נאָר ער זאָל זיך שטאַרקין חאָטש ער וועט דאַרפין אויס שטײַן אַסאַך נסיונות פון דעסט וועגין זאָל ער זיך שטאַרקין און זאָל האָפין צו גאָט ב"ה . און דער צדיק האָט איהם גיגעבין אַ פּאָר רוביל און האָט איהם אָפּ גיזעגינט :

**און** אַזוי ווי ער איז גיקומען קיין זיטאָמער האָט מען איהם גישיקט קיין סמאָלענסק . און דיא אלמנה אַזוי ווי זיא איז גיזינד גיוואָרין איז זיא גיגאַנגין צו פוס קיין זיטאָמער בעוויל זיא האָט נישט גיהאַט קיין געלד אויף הוצאות דעריבער איז זי גיגאַנגין צו פוס און זי האָט דאָס פּאַדאַוויט און סאָנד אַרײַן האָט מען איהר גיענטפערט אַז עס איז שוין פאַר פאַלין איז זיא אַהיים גיגאַנגין טרויריג . און בעוויל זיא האָט נישט גיהאַט מיט וואָס זיך צו דער נערין האָט זיא גיגעבין אירע טעכטער פאַר דינסטין צו דיא בעלי בתים און זיא איז גיגאַנגין צו פוס פון שטאָט צו שטאָט ביז זיא וועט קומען קיין פּעטערבורג אַז זיא זאָל בעטין דיא מיניסטאָרין אַז זיי זאָלין איהר העלפין אָפּ צו נעמין איהר זוהן איז זיא דאָרך גיגאַנגין דאָרך דער שטאָט ריזין און זיא איז אַרײַן גיגאַנגין צו דעם צדיק און זיא האָט איהם דער צײלט דיא גאַנצע מעשה און זיא האָט איהם גיזאָגט אַז זיא וויל גיין קיין פּעטערסבורג האָט איהר דער צדיק גיזאָגט אַז זיא דאַרף נישט גיין קיין פּעטערסבורג בעוויל איהר זוהן איז שוין בײַא איהם גיוועזין און ער האָט שוין דעם זוהן גיזאָגט אַז ווי באַלד ער וועט נאָר אויס שטײַן אַלע נסיונות וועט ער גיהאָלפין ווערין . אָבער דיא אלמנה האָט נישט גיהאָרכט דעם צדיק און זיא איז גיגאַנגין קיין פּערטערסבורג אָבער זיא האָט דאָרטין אויך נאָר נישט גיפּועלט איז זיא אַהיים גיגאַנגין און זיא איז גיוואָרין אַוועשנע און פון דעם האָט זיא זיך דער נערט :

**און** דער זוהן אַזוי ווי ער איז גיקומען קיין סמאָלענסק און דיא קאַזאַרמים (פון דיא זעלנער) האָט איהם גיזעהן דער פּאָלקאָווניק האָט ער גיפינין חן און זײַנע אויגין בעוויל ער איז גיוועזין זייער שיין האָט דער פּאָלקאָווניק אָהן גיהויבין צו איבער רעדין איהם ער זאָל זיך כופר זײַן אָבער דער בן יחיד האָט איהם נישט גיוואָלט צו הערין און דער פּאָלקאָווניק האָט איהם צו גיזאָגט אַז ער וועט איהם מאַכין פאַר איין אָפיצער אַז ער וועט זיך כופר זײַן . און דער בן יחיד האָט גיזאָגט אַז אַפילו מען וועט איהם געבין דאָס גאַנצע פאַרמעגין פון דער וועלט וועט ער זיך ח"ו נישט כופר זײַן האָט דאָס דעם פּאָלקאָווניק פאַר דראָסין האָט ער איהם גישלאָגין מכות אכזריות און ער האָט גיליטין דיא קלעפּ און האָט גישוויגען . און אַלע זעלנער האָבין איהם אויך שטענדיג גישלאָגין און זיי האָבין איהם צו וירעט אַז ער זאָל זיך כופר זײַן און ער האָט זיך גיהאַלטין שטאַרק ווי אײַזין .

און

און האָט געזאָגט אַז אפילו זייא וועלין איהם הרגינן וועט ער זיך ניט כופר זיין האָבין זייא איהם הערשט אָהן געהויבין צו פייניגען ביז ער האָט שוין נישט געקענט אויס האַלטין איז ער אַריבער געגאַנגין צו דעם פּאָלקאָווניק און האָט אָהן געהויבין צו וויינין פאַר איהם פאַר וואָס מען שלאָגט איהם האָט איהם דער פּאָלקאָווניק געענטפערט איך האָב דיך שוין לאַנג געבעטין אַז דיא זאָלסט דיך כופר זיין און פאַר וואָס ווילסט דיא מיך נישט הערין האָט ער געענטפערט אפילו מען וועט מיר געבין דיא גאַנצע וועלט וועל איך מיך ניט כופר זיין און אפילו דיא וועסט הייסין אַז מען זאָל מיך דער האַרגינין וועל איך מיך אויך נישט כופר זיין איז דער פּאָלקאָווניק זייער שטאַרק בייז געוואָרין אויף איהם און ער האָט גענומען דיא ביקס איהם צו צו שיסין האָט ער אָהן געהויבין שרייאין שמע ישראל. און וויא דער פּאָלקאָווניק האָט געזעהן אַז ער איז זיך מוסר נפש פון וועגין זיין אמונה האָט ער זיך דער באַרימט איבער איהם און האָט איהם געזאָגט איך האָב מיך דער באַרימט איבער דיר אָבער איך קען דיר נישט העלפין פון דיא זעלנער וואָס זייא שלאָגין דיך ווייל דיא ביסט איין יוד צווישין זייא דעריבער האָב איך נישט קיין עצה נאָר דיא זאָלסט זיין איין דינטשיק ביי מיר וועלין זייא דיך נישט קענין שלאָגין איז ער באַשטאַנין און איז געוואָרין ביי איהם איין דינטשיק און ער האָט איהם באַדינט. און צוא דעם פּאָלקאָווניק איז געוועזין איין בת יחידה אַ יפת תואר און אַזוי וויא זיא האָט איהם דער זעהן דאָס ערשטי מאָהל האָט זיא איהם געגליסט און איהר האַרצין און זיא האָט אָהן געהויבין צו רעדין מיט איהם גוטי רייד און אַז זיא איז געוואָר געוואָרין אַז ער איז קליג אויך האָט ער חן געפינין און איריע אויגין האָט זיא איהם אָהן געהויבין צו געבין געלד און ביסלאַך וואָס האָט זיא זיך מיט עם באַקענט און זייא האָבין שטענדיג גערעט איינער מיט דעם אַנדערין און איין מאָל אַז זיא האָט מיט עם גערעט האָט זיא עם געזאָגט אַז זיא וויל עם טוהן איין גרויסע טובה האָט ער צו איר געזאָגט אויב מיין האַרינטע וויל מיר טאָהן איין טובה וועל איך זיא צו נעמין מיט פרייד. האָט זיא צו עם געזאָגט דיא זאָלסט וויסין אַז פון דעם ערשטין מאָל וואָס איך האָב דיך געזעהן איז אָהן געקניפּט געוואָרין דיין ליבשאַפט און מיין האַרצין און איך וויל אַז דיא זאָלסט דיך כופר זיין וועל איך דיך נעמין פאַר איין מאַן האָט ער איהר געענטפערט דיא ביסט דאָך אַקליגי און דיא פאַרשטייסט דאָך זעבער אַז אַזעלכי זאַך דאַרף מען ניט איבער קלערין דעריבער וועל איך דיר לע"ע גאָר נישט ענטפערין ביז איך וועל מיך גיט איבער קלערין. און אַז עס איז פאַר ביי געגאַנגין אַ פאָר טעג האָט זיא איהם געפרעגט וואָס ער ענטפערט איהר אויף אירע רייד. האָט ער איר געזאָגט איך בין דאָך איין יוד און פון איין אָרימי משפחה און דיא ביסט איין פּאָלקאָווניקס אַ טאָכטער אַ גרויסער עושר און פון איין משפחה פון האַרין און וויא אַזוי זאָל דיר אויף גיין אויף דיינע געדאַנקין אַז דיין פאָטער וועט דיך לאָזין מיך נעמין

נעמין פאר איין מאן האט זיא איהם גיענטפערט איך קיק נישט אויף קיין שום גלויבין אונ אויף קיין משפחה אונ אויף קיין רייכקייט נאר וויל דיא ביסט מיר גיפעלין דעריבער וויל איך דיך מיט מיין גאנצין הארצין אונ דאס וואס דיא זאגסט אז מיין פאטער וועט מיך נישט לאזין דיך נעמין זאלסט דיא וויסין אז מיין פאטער האט מיך שטארק ליב בעוויל איך בין איין בת יחידה ביא איהם אונ ער מיט נישט קיין שום זאך אנדערש וויא איך וויל. האט עהר איהר גיענטפערט אז זיא זאל איהם נאך איין מאהל געבין צייט א פאר טאג בעוויל ער דארף זיך גוט איבער קלערין איז אזוי אוועק גיגאנגין א פאר וואכין. אונ זיא האט איהם אלע טאג צו גירעט אז ער זאל זיך כופר זיין אונ זיא האט איהם אלע טאג גיגעבין געלד אונ ער האט איהר נישט גיגעבין קיין ריינע תשובה ביז איין מאל האט זיא עם שטארק גיבעטין אז ער זאל איהר געבין א רייני תשובה האט ער איהר גיזאגט אז מארגין וועט ער איהר שוין זאגין א ריינע תשובה. אונ וויא עם איז גיקומען ביא נאכט ווען זייא זענין אלע גישלאפין האט ער זיך גינימען זיינע זאכין אונ זיין געלד וואס זיא האט עם גיגעבין אונ ער האט זיך אהן גיטוהן אנדערי מלבושים אונ איז אנטלאפין קיין באריסאוו אונ איז גיגאנגין צו דעם עלצטין פון דער שטאט אונ האט עם גיגעבין א פאר רוביל האט ער איהם גיגעבין איין פאשפארט אויף איין אנדערין מענטש'ס נאמין איז ער פון דארטין אוועק גיפארין אהן מורא בעוויל ער האט גיהאט דעם פאשפארט אונ איז גיפארין קיין בערדיטשוב אונ קיין סקווירא האט ער מורא גיהאט צו פארין טאמער וועט מען איהם דער קענין איז ער גיבליבין אונ בערדיטשוב אונ ער האט אהיים גישריבין איין בריף אונ האט דער ציילט דיא גאנצי מעשה אונ ער האט גיבעטין די מוטער אז זיא זאל אריבער פארין צו דעם הייליגין צדיק ר' ישראל מריזין אונ זיא זאל איהם פרעגין וואס ער זאל טאהן. איז זיא אריבער גיפארין צו דעם צדיק קיין ריזין אונ האט איהם דער ציילט אלעס וואס עס איז גישטאנין אונ דעם בריף אונ זיא האט עם גיפרעגט איין עצה וואס ער זאל טוהן האט איהר דער צדיק גיענטפערט אז ער זאל פארין קיין אויסלאנד. האט זיא איהם גישריבין דיא רייד פון דעם צדיק איז ער באלד גיפארין קיין לעמבערג אונ איז דארט גיווארין איין משרת אונ איין גרויסין האנדיל אונ ער האט מצליח גיוועזין אונ האט פאר דינט צמאך געלד האט ער גישריבין איין בריף צו זיין מוטער אונ צו זיינע שוועסטער אז זייא זאלין קומען קיין לעמבערג אונ ער וועט זייא שפייזין זענין זייא צו איהם גיפארין אונ ער האט זייא גישפייזט בכבוד אונ ער האט אהן גיהויבין צו גיין אלע מאהל העכער ביז ער איז גיווארין איין גרויסער גביר אונ ער איז א חתן גיווארין פון דארטין אונ ער האט אלע מאל מיין מצליח גיוועזין ׃

## נאָך אַ ווינדערליכע מַעֲשֶׂה פון דעם הייליגן צַדִיק ר"י פון ריזין זצ"ל .

אונ דער שטאָט לעמבערג איז געוועזין איין גרויסע סוחר פון רזכוואַרג אונ ער האָט גיהאַט איין זוהן אונ איין טאָכטער האָט ער זייא חתונה גימאַכט צו גרויסע גבירים אונ האָט זייא נאָך גיגעבין אַסאַך געלד אונ דיא קינדער האָבין זיך גימאַכט האַנדלין אונ זייא האָבין מצליח גיוועזין אונ זייא זענין גיוואָרין גרויסי גבירים . אונ אַז עס איז פאַר בייא גינאַנגין אַפּאָר יאָהר איז דער גביר גיוואָרין איין יורד ר"ל . אונ זיינע קינדער האָבין עם גאָר נישט גיוואָלט געבין אונ זיין ווייב איז נישטאָרבין ר"ל . איז ער גיבליבין אַלייִן אונ ליידיג . איז ער אַריבער גיפאָרין צו דעם הייליגען צדיק פון ריזין אונ ער האָט דער ציילט דעם צדיק זיין ביטער האַרץ האָט איהם דער צדיק גיענטפערט צו איז דען שוין נישט דאָ קיין יודין אונ לעמבערג . אונ דער צדיק האָט איהם גיגעבין איין בריף צו זיינע חסידים פון לעמבערג אַז זייא זאָלין איהם באַהילפיג זיין . אונ אַזוי וויא דיא חסידים האָבין דער זעהן דעם צדיק'ס בריף האָבין זייא גימאַכט איין אַסיפה אונ זייא האָבין גימאַכט צווישין זיך פינעף הינדערט רענדליך אונ זייא האָבין איהם גיגעבין האָט ער אָהן גיהויבין צו האַנדלין אונ ער האָט באַלד גיזאָגט דיא שדכנים אַז זייא זאָלין איהם רעדין איין שידוך האָט מען איהם גירעט איין שידוך מיט איין אשה צנועה אונ זיא האָט גיהאַט דרייא הינדערט רענדליך האָט ער זיא גינימען . אונ ער האָט גיקויפט סחורה פאַר דעם גאַנצין געלד אונ ער איז גיפאָרען קיין לייפּציג אין ער האָט דאָרטין פאַר קויפט די גאַנצי סחורה אונ האָט אַ סאַך פערדינט אונ ער האָט אַלע מאָהל מצליח גיוועזין ביז ער איז גיוואָרין איין גרויסער עושר .

אונ אַזוי וויא זיינע קונדער זענין גיוואָר געוואָרין אַז זייער פאָטער איז גיוואָרען איין גרויסער גביר האָבין זייא עהם געבעטין אַז ער זאָל נעמין זיין ווייב אונ ער זאָל זיין בייא זייא אונ אַזוי איז אַ וועק געגאַנגין אַ פּאָר יאָהר דער זוהן האָט גיוואָלט אַז ער זאָל זיין בייא עהם אונ די טאָכטער האָט גיוואָלט אַז ער זאָל זיין בייא איהר בעווייל זייא האָבין דער שמעקט זיין רייכקייט אונ דער פאָטער האָט שטענדיג געהאַט ע"נ פון זייערע רייד אונ איין מאָהל איז ער געפאָרין קיין לייפּציג מיט פיהל סחורה האָט ער פאַרדינט אַסאַך געלד ביז ער איז שוין גיוועזין גאָר איין גרויסער גביר אונ ווען ער איז צוריק גיפאָרין פון לייפּציג איז ער אַרובער געפאָרין צו דעם צדיק ר"י פון ריזין אונ ער האָט עהם דער ציילט אַז גאָט האָט עהם נעהאָלפין אונ ער איז גיוואָרען איין גרויסער גביר נאָר ער האָט ענ"נ פון זיינע קונדער וואָס זייא רעדין עהם אָהן אַז ער זאָל נעמין זיין ווייב אונ ער זאָל זיין בייא זייא . האָט עהם דער צדיק גיזאָגט אַז ער זאָל אָפּ שרייבין דרייא בריף איין בריף צו דעם ווייב אונ איינים צו דעם זוהן אונ איינים צו דער טאָכטער אונ ער האָט עהם געזאָגט אַז ער זאָל אַזוי שרייבין אונ די בריף אַז ער האָט פאַר לוירין דאָס גאַנצי געלד אויף דעם וועג אונ ער האָט נישט אויף קיין הוצאות אַהיים צוא פאָרין דעריבער בעט

בעט ער זיא אז זיא זאלען עהם שיקין נעלד אויף הוצאות אונ ער זאל ווארטין אונ ריזין ביז ער וועט האבין תשובה. האט ער אזוי גיטאהן אונ האט נעשריבען אזוי וויא דער צדיק האט עם גיזאגט. אונ ער האט גישריבין אז ער איז לע"ע אונ ריזין אונ איז לע"ע ביא דעם צדיק אונ דער צדיק ניט עם צו עסין אונ ער האט גיבעטין זיין זוהן אז ער זאל אויף עהם רחמנות האבין אונ ער זאל עהם שיקין נעלד אויף הוצאות אונ אזוי האט ער גישריבין צו זיין טאכטער אונ צו זיין ווייב. אונ אז עס איז פאר ביא גיגאנגין אפאר טעג איז עם אהן גיקומין תשובה פון אלע דרייא האט ער אויף גיעפינט דעם בריף פון זיין זוהן צום ערשטין האט עם דער זוהן אזוי גישריבין דיין בריף האב איך ערהאלטין אונ דו זאלסט מיר מוחל זיין מיין פאטער וואס איך שיק דיר נישט קיין נעלד בעוויל עס איז מיר זייער ענג. אונ איך וועל דיך נישט קענין האלטין ביא מיר בעוויל מיין ווייב איז א שלעכטע וועט זיא דיך נישט קענין ליידין דעריבער איז מיין עצה אז דו זאלסט שוין זיין ביא דעם צדיק אונ דארטין וועט מען אויף דיר רחמנות האבין אונ מען וועט דיר געבין עסין. דער נאך האט ער אויף גיעפינט דער טאכטערס בריף אונ האט אהן געהויבין צו לייענין האט זיא עם אזוי גישריבין דיין בריף האב איך ערהאלטין אונ עס איז מיר לייד מיין פאטער וואס איך קאן דיר נישט שיקין קיין געלד אויף הוצאות בעוויל איך האב גיטאהן איין שידוך מיט מיין טאכטער מיט איין גרויסין גביר דארף איך פיהל נעלד אויף נדן דעריבער איז מיר ענג אין איך קאן דיר נישט שיקין קיין נעלד דעריבער איז מיין עצה אז דו זאלסט שוין זיין ביא דעם צדיק אונ דער נאך האט ער אויף גיעפינט דעם ווייבס בריף אונ ער האט אהן גיהויבין צו לייענין איז אזוי געשטאנין ידידי בעלי דיין בריף האב איך ער האלטען אונ איך בעט דיך מיין מאן אז דו זאלסט נישט זארגין בעוויל אזוי וויא ביז א הער האט אונז גאט גיהאלפין אזוי וועט עהר בוודאי וויטער אונז העלפין אונ ער וועט אינז נישט פערלאזין. אונ איך וועל פארקויפין אלעם וואס איך האב אונ איך וועל דיר שיקין נעלד אויף הוצאות אונ דו זאלסט אהיים קומען אהן זארג אונ איך וועל טאהן אללעם וואס איך וועל קאנין אפילו שטיין אוג מארק מיט ניבעקץ כדי דיך ספרנס צו זיין אז דיא זאלסט קענין זיצין אונ ביהמ"ד אונ לערנין האט ער גינימען דיא אלע דרייא בריף אונ ער איז אריין גיגאנגין צו דעם צדיק אונ ער האט זיא גילייגט פאר איהם האט איהם דער צדיק גיזאגט אצינד מעגסט דיא שוין אהיים פאהרין אונ דיא פארשטייסט שוין אליין וואס צו טוהן. האט ער זיך דארטין פאר זוימט נאך א פאר טאג אונ ער האט ערהאלטין איין פאוויעסטקי אויף 25 רוביל פון זיין ווייב אונ זיא האט זיך פאר ענטפערט פאר איהם אז זיא האט מיין נישט גיקענט שיקען אונ זיא האט איהם גיבעטין אז ער זאל תיכף אהיים קומען אונ ער זאל נאר נישט זארגין אונ אזוי וויא ער איז אהיים גיקומען האט ער איבער גילאזט זיינע זאכין אויף דער פיר אונ ער איז אהיים גיקומען אזוי וויא איין ארימאן אונ אזוי וויא זיין ווייב האט איהם דער זעהן האט זיא

זיך גיפרייד א קענין איהם אונ זיא
האט איהם גיטרייסט מיט גוטע רייד.
אונ אזוי וויא ער האט זיך א ביסיל
אפ גירוט האט ער גישיקט צו דער
פיר נאך זיינע זאכין האט איהם
דער בעל עגלה גיבראכט זיינע זאכין
אהיים האט ער אויף גיפאקט טייערי
מתנות אונ דימאנטין אונ פעריל וואס
ער האט גיבראכט פון זיין ווייב'ס
וועגין אונ ער האט איהר דער ציילט
דיא עצה פון דעם צדיק . אונ דער
מענטש איז גיוואָרין נאך איין
גרעסערער גביר מיין פון דער פער
אונ ער האט זיך גיקויפט איין קאמעניצע
פאר הינדערט טויזינד רוביל אונ אזוי
וויא זיינע קינדער זענין גיוואר
גיוואָרין אז ער איז איין גרויסער
עושר זענין זיא וויטער גיקומען צו
איהם אונ זיא האבין איהם גיבעטין
אז ער זאל געטין זיין ווייב אונ ער
זאל זיין בייא זיא . האט דער
פאטער ארויס גינומען דיא דרייא
בריף אונ ער האט גילייענט פער זיא
אונ ער האט זיא אהן גיהויבין מבייש
זיין אונ ער האט זיא גיזאגט אז
עטין האט גומיינט אז איך בין ארים
האט עטין מיך נישט גיוואלט האלטין
אונ עטין זענט אנטלאפין פון מיר
אונ היינט אז עטין האט דער פיהלט
אז איך בין רייך זענט עטין גיקומען
צו מיר אונ ער האט זיא ארויס
גיזאגט פון זיין שטוב אונ ער האט
אפ גישריבין זיין קאמעניצע אויף
זיין ווייב :

## נאָה אַ װוּנדערליכע מעשה פון דעם הייליגין צדיק ר"י מריזין

**אונ** דער שטאָט בערדיטשוב האט
גיוואוינט איין אָרימער שוסטער
אונ ער האט גיהאט איין בן יחיד
אונ דער בן יחיד איז גיוועזין זייער
ווילד אונ ער האט נישט גיוואָלט גיין
אונ חדר אריין אונ קיין מלאכה
האט ער אויך נישט גיוואָלט זיך
לערנין בעווייל ער איז גיוועזין איין
ליידיג גייער אונ ער איז גיוועזין
אזוי ווילד ביז ער איז אלט גיוואָרין
זעכצין יאָהר . האט איהם זיין
פאטער דער שוסטער גיגעבין פאר
איין משרת אונ איין גאסט הויז אונ
ער איז דאָרטין גיוועזין עטליכע יאָהר
אונ אין דעם גאסט הויז איז גיוועזין
איין דינסט א יודישע איין בעל עגלה'ס
א טאָכטער אונ אזוי וויא זיא זענין
גיוועזין עטליכע יאָהר באזאמען אונ
זיא האבין זיך באקאנט איינער מיט
דעם אנדערין . איז דער בחור חתן
גיוואָרין מיט איהר . איין מאָהל איז
געקומען אונ דעם גאסט הויז אריין
איין הערר אונ האט דאָרטין גינעכטיגט
אונ ער האט פאר געסין אונטער זיין
צו קאפינס עטליכע הונדערט רוביל
אונ ער איז אוועק גיפאָרין אונ אין
מיטין וועג האט ער דער זעהן אז
ער האט נישט דאס געלד האט ער
גימיינט אז ער האט דאס פארלאָרין
אויף דעם וועג אונ איז נישט
צוריק גיפאָרין אונ דעם גאסט הויז
אריין . אונ אז דער משרת האט פאר
בעט זיין בעט האט ער געפינין דאס
געלד האט ער דאס באהאלטין אונ
ער

ער האט חתונה געהאט מיט דער
דינסט און פאר דעם געלד האט ער
זיך געמאכט איין גאסט הויז און ער
האט אהן געהויבין מצליח צו זיין
ביז ער איז געווארין איין עושר.
און זיין ווייב די דינסט האט זיך
נאר שיין אויף געפירט זיא איז
נעגאנגין אללע טאג דאווינען און
זיא האט געשריבען איין ספר תורה
און זיא האט געשענקט און שוהל
אריין. און זיא האט מיט איהם
געהאט איין טאכטער און זיא האט
זיא אויף געהאדעוועט מיט פיהל גוטס
און זייא האבין שוין נישט געהאט
קיין שום קינד נאר דיא טאכטער.
און אז זיא איז אלט געווארין דרייצין
יאהר האט מען איהר אהן געהויבין
צו ריידין שידוכים האט דיא מוטער
געזאגט צו דיא שדכנים אז זייא זאלין
נאר אוים זוכין איין עילוי וואס ער
קאן זיין רב וועט זיא עם נעמין פאר
איין איידים האבין דיא שדכנים נישט
געפינין פון ארט וועגין קיין שידוך
בעוויל יעדערער האט זיא גיקאנט
אז זיא איז גיוועזין איין דינסט און
ער איז גיוועזין איין משרת און אין
יענע צייטין איז דיא תורה חשוב
געוועזין אין דיא עילוים האבין
געפינען שידוכים מיט א סאך געלד
און מיט איין שיינע משפחה דער
איבער האט קיין שום עילוי נישט
געוואלט זיך משדך זיין מיט איהר.
אבער זיא האט נישט גיוואלט נעמין
קיין פראסטין נאהר איין עילוי און
איין למדן. און דער וויל איז דיא
טאכטער אלט גיווארען מיין פון
צוואנציג יאהר. הט ער זיך מיט
איהר געקריגט ער האט געזאגט אז
אוואסער שידוך עס איז זאל ער מיין
און זיא האט געזאגט אז זיא וועט
מוזין קריגין איין איידים איין למדן
און איין עילוי און זיא האט איהם
געהייסין פארין און איין ישובה אריין
און ער זאל זיך אוים קלויבין איין
בחור איין למדן און עם מעג זיין
אפילו איין ארימין בחור און ער האט
זיא נישט געוואלט הערין:

**אמאהל** איז דער צדיק ר"י פון ריזין געקומין קיין ברדיטשוב איז
דער מאן אריבער געגאנגין צו איהם
און האט איהם דער ציילט אז ער
קריגט זיך מיט זיין ווייב וועגין דיא
שידוכים פון זיין טאכטער אז זיא
וויל איין איידים איין למדן אבער דיא
בחורים ווילין נישט מיט איהר האט
איהם דער צריק גיזאגט אז ער זאל
טאן איין שידוך מיט איין בעל מלאכה
און זיין ווייב אזוי וויא זיא האט דאס
דער הערט האט זיא אהן גיהויבין צו
שרייאין איך זאל נעמין איין איידים
איין בעל מלאכה איך בין דאך פון
איין שיינע משפחה און זיא האט זיך
בשום אופן נישט געוואלט משדך זיין
מיט איין בעל מלאכה. און זייא
האבין זיך שטארק געקריקט ביז ער
האט זיא נימויזט הערין און איז
געפארין און איין ישיבה אריין און ער
האט זיך אוים געקליבין איין בחור
איין ארימין אבער ער איז גיוועזין
איין למדן און ער האט זיך מיט איהם
משדך גיוועזין און ער האט עם מלבוש
גיוועזין אזוי וויא די נגידים און ער
האט חתונה געמאכט אזוי וויא דיא
גרויסי נגידים און ער האט צו גיזאגט
אייביגע קעסט און זיין ווייב האט זיך
שטארק געפרייד מיט איהר איידים
און זיא האט איהם גינעבין כל טוב
בעוויל זיא האט גיזאגט אז וויא
באלד זיא וועט האלטין איהר איידים
בכבוד און ער וועט זיצין און לערנין
וועט

ווערט ער זיא אַרויס נעמין פֿון דעם גיהנם דער איבער האָט זיא עהם געגעבין אַלערלייא תענוגים. אונ אַז עס איז אַ וועק געגאַנגין אַ פּאָר יאָהר איז דער איידים קאַלע גיוואָרין אונ ער האָט אויף געהערט צו לערנין אונ ער האָט זיך געפינין שלעכטי חבירים אונ ער האָט אָהן געהויבין צו גיין אונ דו טיאַטאָרען אונ ער האָט אָה געהויבין צו געפינין חסרונים אין זיין ווייב אונ ער האָט זיך שטענדיג געקריגט מיט איהר. ביז איין מאָהל בייא נאַכט האָט ער אַרויס גענאַנביט פֿון זיין שווינערס קאַסטין דאָס גאַנצי געלד וואָס עס איז דאָרטין געלעגין אונ איהר צורינג אונ זיין ווייבס צירונג אונ ער איז אַנטלאָפין:

**אונ** זייא זענין אויף געשטאַנין אונ דער פֿריא האָבין זייא געזעהן אַז דער קאַסטין איז אָפֿין אונ ליידיק אונ דער איידים איז אויך נישט דאָ האָבין זייא פֿאַרשטאַנין אַז ער האָט זייא באַגנביט האָבין זייא נאָך גיזאָגט נאָך איהם אָבער זייא האָבין איהם נישט גיהאַפּט. אונ אַזוי איז פֿאַר בייא געגאַנגין איין גאַנץ יאָהר אונ מען האָט נאָר נישט געהערט פֿון איהם. אונ עס האָט זיך גיטראָפֿין אַז דער צדיק פֿון ריזין איז נאָך אַמאָהל גיוועזין אונ ברדיטשוב איז ער אַריבער געגאַנגין צו דעם צדיק אונ ער האָט איהם דער ציילט אללעס וואָס עס האָט איהם געטראָפֿין מיט זיין איידים. האָט איהם דער צדיק געזאָגט איך האָב דאָך דיר גיזאָגט אַז דו זאָלסט נעמין איין בעל מלאָכה אונ פֿאַר וואָס האָסט דו מיך נישט געהאָרכט. אונ הערשט זאָלסט דו תיכף אַריבער פֿאָרין קיין אַדעס אונ דאָרטין ווערסט דו איהם געפינין אונ דו זאָלסט מיט איהם ריידין גוטע רייד אונ דו זאָלסט איהם בעטין אַז ער זאָל געבין דיין טאָכטער איין גט. איז ער תיכף גיפֿאָרין קיין אַדעס אונ ער האָט דאָרטין געפינין זיין איידים אונ ער האָט איהם געבעטין אַז ער זאָל געטין זיין טאָכטער האָט דער איידים גיזאָגט אַז ער ווערט איהם געבין טויזינד רוביל וועט ער זיא געטין האָט ער איהם באַלד גיגעבין טויזינד רוביל אונ זייא זענין גיגאַנגין צו דעם רב פֿון דאָרטין אונ ער האָט זייא מסדר געוועזין דעם גט אונ ער איז אַהיים געפֿאָרין אונ פֿון דענסמאָלט אָהן איז ער אַלע מאָהל אָרימער גיוואָרין ביז ער איז גיוואָרין איין אָרימאַן. האָט ער חתונה גימאַכט זיין טאָכטער צו איין אַלטין שוסטער אונ זייא האָבין געהאַט פּרנסה בצימצום אונ ער האָט גיהאַט מיט איהר קונדר דער נאָך איז ער גישטאָרבין אונ זיא איז גיבליבין מיט קליינע קינדער האָבין אויף איהר רחמנות גיהאַט דיא בעלי בתים פֿון דער שוהל וואָס איהר מיטער האָט דאָרטין גישענקט דיא ספר תורה אונ זייא האָבין איהר גינעבין עטליכע רוביל איין וואָך אונ איהר פֿאָטער איז גיוואָרין איין משרת בייא איין בעל עגלה:

---

## נאָך אַ ווינדערליכע מעשה פֿון דעם הייליגין צדיק ר"י פֿון ריזין זצ"ל

**אונ** דער שטאָט שאַראַגראַד איז גיוועזין איין עושר אונ ער האָט גיהאַט איין

אײַן בן יחיד און דער בן יחיד איז געוועזן אַ ביסל צימישט און אַז מען האָט אָהן גיהויבן צו רײַדין איהם שידוכים האָט קײנער נישט גיוואָלט זיך משדך זײַן מיט איהם בעווײַל יעדערער האָט גיוויסט אַז ער איז אַ ביסל צו מישט דער זײַל איז עהר אַלט גיוואָרין מײַן פון צוואַנציג יאָהר האָט עהר אָפּ גישמיסט מיט זײַן ווײַב אַז זייא זאָלין נעמין אײַן אָרימי יתומה און זייא זאָלין איהר געבין אַסאַך געלד גרן אפשר וועט זיא וועלין איהם נעמין פאַר אײַן מאַן און ער האָט גיבעטין דיא שדכנים אַז זייא זאָלין זוכין אײַן אָרימי יתומה. און ער האָט זייא צו גיזאָגט אַסאַך שדכנות געלד און דיא שדכנים האָבין גירײכט אײַן אָרימי יתומה ביז אײַן שדכן האָט גיפונין אין אײַן קלײַן שטעטיל ווײַט פון שאַראַגראַד אײַן אָרימי יתומה האָט ער אָהן גישלאָגין דעם שידוך פון שאַראַגראַד און ער האָט איהר דער ציילט אַז דער חתן איז נישט קײַן קלוגער אָבער זײַן פאָטער איז אײַן גרויסער עושר און זיא חעט האָבין בײַא איהם כל טוב איז דיא אָרימי יתומה באַשטאַנין אויף דעם שידוך האָט דער שדכן נישריבין אײַן בריף צו דעם עושר אַז ער זאָל קומין אָהין קיקין דיא כלה איז דער עושר גיקומען און ער האָט נישריבין תנאים מיט דער יתומה. און ער האָט איהר גימאַכט מלבושים און ער האָט איהר גיגעבין צירינג אַזוי וויא דיא עשירים און אין עטליכע וואָכין שפּעטער האָט ער גימאַכט דיא חתונה און ער האָט זיא גיבראַכט צו זיך און אַזוי וויא זיא איז גיקומען צו איהם און זיא האָט גיזעהן זײַן רײַכקײַט האָט זיא זיך שטאַרק גיפרייד און זיא האָט נישט גיקיקט אויף איהר מאַן וואָס ער איז אײַן שוטה נאָר זיא האָט גיקיקט אויף דעם געלד. אָבער געלד איז דאָך קאַליכטיג אַזוי האָט זיך דאָס געלד אַוועק גיקאָקילט פון דעם עושר און ער איז שלאַף גיוואָרין און ער איז גיפאָרין קײַן קרלסבאַד און ער איז דאָרטין גישטאָרבין און זײַן ווײַב איז אויך גישטאָרבין איז די יתומה איבער גיבליבין אַלײַן מיט איהר מאַן דער שוטה אָהן געלד האָט זיא פאַר קויפט דעם שווערס הויז און אירע צירינג און זיא האָט זיך גימאַכט אײַן גיוועלב פון שפּײַז. און בעווײַל איהר מאַן דער שוטה איז דאָך שטענדיג גיוועזן גיוואָינט אַז ער זאָל רײַטין אויף פערד דעריבער האָט זיא איהם גימיזט קויפין אײַן פערד צו רײַטין און בעווײַל ער איז גיוועזין גיוואָינט צו עסין ניטע מאכלים בײַא זײַן פאָטער דעריבער האָט זיא איהם גימחט געבין ניטע מאכלים און דאָרך איהם איז זיא אַללע מאָהל אָרימער גיוואָרין. האָט זיא זיך מיישב גיוועזין און זיא האָט פאַרקויפט זײַן פערד און אַללע אירע כלים און זיא איז גיגאַנגין מיט איהר מאַן צו דיא דיינים אַז ער זאָל איהר געבין אײַן גט. האָבין איהר דיא דיינים גיענטפערט אַז ער וועט זיא נישט קאָנין געטין בעווײַל ער איז אײַן שוטה איז זיא גיגאַנגין און אַנדערע שטעט האָבין איהר אַללע דיינים גיענטפערט אַז ער קאָן נישט געטין בעווײַל ער איז אײַן שוטה:

**און** דיא אָרימי יתומה האָט גיהערט אַז עס איז דאָ אין דער שטאָט ריזין אײַן צדיק און ער ווײַזט מופתים איז זיא גיפאַרין קײַן ריזין

און

אונ זיא האָט דעם צדיק דער ציילט וויא זיא איז איבער געבליבין אַליין מיט איהר מאַן דער שוטה אונ זיא האָט זיך נישט מיט וואָס צו ערנערין האָט איהר דער צדיק גיזאָגט אַז זיא זאָל פאָרין מיט איהר מאַן קיין אָבראָטש לעבין דער שטאָט ווילעדניט אונ לעבין דער שטאָט אָבראָטש איז דאָ איין וואַלד זאָל זיא דאָרטין אונ דעם וואַלד איבער לאָזין איהר מאַן. אונ דער צדיק האָט זיא גיפרעגט וואָס האָט דיין מאַן גיטאָהן גאַנצי טעג האָט זיא איהם גיענטפערט אַז עהר פלעגט רייטין אויף איין פערד. האָט איהר דער צדיק גיזאָגט אַז זיא זאָל איהם קויפין איין פערד אונ זאָל איהם לאָזין רייטין אונ דעם וואַלד אַריין האָט זיא אַזוי גיטוהן אונ זיא האָט איהם גיקויפט איין פערד איז ער גירייטין אויף דעם פערד אונ זיא איז גיפאָרין מיט איהם קיין אָבראָטש אונ אַזוי וויא זייא זענין גיקומען לעבין דער שטאָט ביי דעם וואַלד האָט זיא גיהייסין דעם בעל עגלה שטיין אונ זיא האָט איהם אַריין גיפירט אונ דעם וואַלד אַריין אונ זיא איז אַהיים גיפאָרין אונ ער איז דאָרטין גירייטין איין גאַנצין טאָג ביז פאַר נאַכט האָט ער גיזעהן אונ דעם וואַלד ברענט איין פייער איז ער צו גיגאַנגין צו דעם פייער האָט ער גיזעהן אַז עס זיצין דאָרטין איין חברה ציגיינערס אונ אַזוי וויא זייא האָבין איהם דער זעהן האָבין זייא איהם גינומען צווישין זייא אונ זייא האָבין זיך גיפריינד מיט איהם אונ זייא האָבין איהם צו גינומען דאָס פערד אונ זייא האָבין איהם גיגעבין צו עסין אונ צו טרונקען

אונ זייא האָבין אָב געקלערט אַז זייא זאָלין איהם פאַר קויפין פאַר איין קנעכט. אונ ער האָט איבער געגעכטינט דו נאַכט. אונ וויא עס איז געוואָרין טאָג האָבין זיך דו צוגיינערס אָהן גיהויבין צו פריוועז אונ צו ראַנגלין זיך איינער מיט דעם אַנדערין האָבין זייא זיך מיט איהם אויך גיראַנגילט האָבין זייא גיזעהן אַז ער איז איין שטאַרקער מענטש. האָבין זייא זיך שטאַרק געפרייט מיט איהם אונ זייא האָבין איהם געהייסין גיין גנבינין אונ ער זאָל זייא ברענגין דיא גנבה איז ער גיגאַנגין אונ שטאָט אַריין אונ האָט גינאַנביט אונ האָט זייא גיבראַכט. אונ אַז מען האָט איהם גיחאַפט האָט ער גישלאָגין ווער עס האָט נאָר אָהן גירירט אונ איהם בעוויזל ער איז גיוועזין איין שטאַרקער מענטש אונ ער איז אַנטלאָפין צו דיא ציגיינערס מיט דער גנבה. אונ דיא ציגיינערס זענין פון דאָרטין אַוועק גיגאַנגין אונ זיי זענין גיגאַנגין מיט עס ביז זיי זענין גיקומען לעבין דער שטאָט מאָסקווא אונ דאָרטין האָט ער זיך אָהן גיהויבין איבער קלערין וואָס עס איז מיט איהם דאָרך גיגאַנגין פון זינט ער איז גיפאָרין מיט זיין ווייב קיין אָבראַטש ביז אַהער אונ ער איז ביסלאַך וואָס גיוואָרין מיושב אונ ער האָט גיזאָרגט וואָס ער איז איין גנב:

אונ אַז דיא ציגיינערס האָבין איהם גיהייסין גיין אונ שטאָט אַריין גנבינין האָט ער נישט גיוואָלט האָבין זייא איהם גישלאָגין מכות אכזריות אונ האָט אויס גיפירט

אונ

אונ ער איז נישט געגאַנגין נגבינין אונ אין מיטין דער נאַכט אַז זייא זענין נישלאָפין האָט ער גינומען איין בעסער אונ ער האָט זייא אונ וואַלד געשאָכטין אונ ער האָט צו גינומען דאָס גאַנצי גאָלד אונ זילבער אונ ער האָט זיך איין גישפּאַנט איין וואָגין מיט גוטע פערד אונ ער איז אַנטלאָפין ביז קיין ראָסטאָב האָט ער פאַר קויפט דעם וואָגין מיט די פערד אונ אַלע זאַכין וואָס ער האָט ביי זייא צו גינומען אונ ער האָט פאַר זייא גענומען אַ סך געלד אונ ער האָט אָהן געהויבין צו האַנדלין מיט פיש אונ ער האָט מצליח גיוועזין ביז ער איז געוואָרין איין גרויסער עושר. אונ אַזוי וויא די שכנים פון ראַסטאָב האָבין גיזעהן אַז ער איז אַליין האָבין זייא גימיינט אַז ער איז נאָך איין בחור האָבין זייא איהם אָהן גיהויבין צו ריידין שידוכים אונ אַזוי וויא ער האָט דער הערט אַז זייא ריידין איהם שידוכים האָט ער זיך דער מאַנט אַז ער האָט גיהאַט איין ווייב אין דער שטאָט שאַראַנראָד האָט ער פאַר קויפט אַלע זיינע זאַכין אונ ער האָט געקאָנטשיט אַלע זיינע גישעפטין אונ ער האָט אָב געצאָלט אַלע חובות אונ ער איז גיפאָרין קיין שאַראַנראָד אונ אַזוי וויא ער איז געקומען אין שטאָט אַריין איז ער אַריין גענאַנגין אין איין גאַסט הויז אונ ער האָט דאָרטין געפרעגט אויב זייא קאָנין נישט זיין ווייב אונ ער האָט זייא גיזאָגט איהר נאָמין. האָבין זייא איהם גיענטפערט אַז זייא קאָנין זיא נישט אונ באמת איז דאָרטין גיוועזין זיין ווייב איין דינסט נאָר וויל זייא האָבין גיזעהן אַז ער איז אַזוי איין גרויסער עושר האָבין זייא זיך געטראַכט אַז איין דינסט איז נישט זיין ווייב:

אונ ביי נאַכט אַז דער עושר האָט זיך גיוואָלט לייגין שלאָפין איז צו גינאַנגין די דינסט וואָס זיא איז באמת גיוועזין זיין ווייב אונ זיא האָט איהם גיבעט דאָס בעט האָט ער זיא באַלד דער קענט אונ זיא האָט עם אויך דער קענט. האָט ער זיא גיפרעגט וויא אַזוי זיא הייסט האָט זיא עם גיזאָגט איהר נאָמין האָט זיא עם גיפרעגט אויב ער גידענקט אַז ער האָט דאָ איבער גילאָזט איין ווייב האָט ער איהר גיענטפערט אַז ער גידענקט ניט. האָט זיא עם גיזאָגט איך בין דיין ווייב אונ איך האָב דיך גיפירט אונ דעם וואַלד אַריין בעוויל דער צדיק פון ריזין האָט מיך אַזוי גיהייסין אונ זיא האָט עם גיגעבין נאָך סמנים פון דעם טאָג פון דער חתונה ביז ער האָט גיט דערקענט אַז זיא איז זיין ווייב הגם ער האָט זיא פריער אויך דערקענט נאָר ער האָט דאָך נישט גיוויסט זיכער. אָבער אַז זיא האָט עם גיזאָגט סימנים האָט ער שוין גיוויסט ריכטיג אַז זיא איז זיין ווייב האָט ער זיך גיפרייט מיט איהר אונ ער האָט איהר דער צייליט אַלעס וואָס עס איז מיט עם דורך גיגאַנגין אונ ער האָט זיך גיקויפט איין קאָטשעניצע אונ ער האָט גיגעבין אַ סך צדקה אונ ער איז גיוואָרין איין ריזינער חסיד אונ ער איז אַלע מאָהל גיוואָרין איין גרעסערער עושר אונ ער האָט גיהאַט קינדער מיט איהר אונ זייא זענין אַללע גיוועזין חסידים יריאים ושלימים:

# נאָך אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם היילגן צדיק ר"י מריזין

אינ דער שטאָט אמאַן איז געוועזן איין עושר איין ריזינער חסיד אונ ער האָט געהאַט צוויא טעכטער. אונ אז דיא עלטערי טאָכטער איז אלט געוואָרין אַכצען יאָהר האָט מען איהר אָהן געהובין ריידין שידוכים אונ אַלע שידוכים זענין דעם עושר נישט געפעלין איז ער אַריבער געפאָרין צו דעם צדיק פון ריזין אונ ער האָט איהם דער ציילט אַז ער געפינט נישט קיין גיטין שידוך פאַר זיין טאָכטער האָט איהם דער צדיק געזאָגט אַז ער זאָל נאָר נעמין איין בחור איין למדן אפילו ער וועט זיין איין אָרימאַן:

אונ אַזוי וויא ער איז אַ היים געקומין האָט ער געזאָגט דיא שדכנים אַז זייא זאָלין איהם ריידין מיט איין בחור איין למדן אונ עס מעג זיין איין אָרימער. אונ עס איז געקומין איין שדכן אונ ער האָט עס גירעט מיט איין בחור איין למדן אונ איין עילוי, איז דער עושר באַשטאַנין אויף דעם שידוך אונ ער האָט געשריבין תנאים אונ איין עטליכע חדשים שפּעטער האָט עהר חתונה געמאַכט אונ ער האָט גענימען דעם איידים צו זיך אונ ער האָט עס געגעבין קעסט אונ דער איידים איז שטענדיג געזיצין אונ געלערינט אונ אַזוי איז פאַר בייא געגאַנגין פינעף יאָהר אונ זיין שווער האָט זיך אָהן געזעט מיט נחת פון עס. אָבער זיין שוויגער האָט איהם נישט געקענט ליידין אונ זיא האָט זיך שטענדיג געקרינקט מיט איהר מאַן. אונ זיא האָט עס געפרעגט וואָס וועט זיין. דער סוף פון איהר איידים עהר וועט נאָר קאָנין זיצין אונ קנייטשין דיא באַנק אָבער צו קיין שום האַנדיל וועט ער נישט ניצין:

אונ אַז עס איז געקומין דיא צייט אַז דיא יונגערי טאָכטער זאָל איין כלה ווערין האָבין דיא שדכנים וויַיטער גירעט מיט בחורים למדנים האָט דעם עושרס וויַיב נישט געוואָלט זיך משדך זיין מיט איין בן תורה נאָר זיא האָט געזאָגט דיא שדכנים אַז זייא זאָלין ריידין מיט איין עושר'ס איין בחור וואָס איז גיניט אין האַנדיל. אונ דער עושר האָט נישט געוואָלט נאָר מיט איין למדן. איז ער אַריבער געפאָרין קיין ריזין צו דעם צדיק פון דאָרטין אונ ער האָט עס דער ציילט זיא פאַר ביטערט עס זיין לעבין וועגין דעם ערשטין איידים וואָס ער זיצט אַ גאַנצין טאָג אונ לערינט אונ זיא לאָזט שוין נישט נעמין קיין ב"ת פון דער יונגערער טאָכטערס וועגין. האָט עס דער צדיק געזאָגט אַז ער זאָל זיא נישט הערין אונ ער זאָל זיך נישט משדך זיין נאָר מיט איין בן תורה אונ וויא ער איז אַהיים געקומען האָט ער דערציילט זיין וויַיב וואָס דער צדיק האָט עס געזאָגט. האָט זיא זיך מיט עס שטאַרק געקריגט אונ זיא האָט געזאָגט אַז זיא וועט בשום אופן נישט נעמין קיין בן תורה אונ ער האָט זיך מיט איהר געקריגט אונ דער סוף איז געוועזין אַז ער האָט זיא געמיזט הערין אונ ער האָט זיך משדך געוועזין מיט איין עושר וואָס דער עושר האָט געהאַט אַ זוהן איין (משכיל) אויף געקלערטער אונ ער איז נישט געוועזין קיין בן תורה אונ ער האָט חתונה געמאַכט אונ נאָך דער חתונה האָט ער עס געגעבין קעסט אַזוי וויא דער שטייגער איז, אונ אַזוי וויא עס איז נאָר פאַר בייא געגאַנגין עטליכע חדשים האָט דער יונגער מאַן אָהן געהויבין צושפּילין אונ קאָרטין אונ ער האָט זיך גענימען חבירים אַזעלכע משכילים וויא עהר האָט איהם זייער שטאַרק פאַרדראָסין אויף איהם נאָר ער

האָט

האט נאר נישט גירעט און ער איז גיפארין קיין ריזין צו דעם צדיק און ער האט איהם דער ציילט פון זיין איידים און ער האט איהם גיפרעגט איין עצה וואס ער זאל טאהן מיט זיין איידים. האט איהם דער צדיק גיזאגט דיין מסחר איז דאך מיט פעל און דיא פארסט שטענדיק קיין לייפציג. זאלסט דיא וויסין אז איידער דיא וועסט פארין קיין לייפציג זאלסט דיא אריין גיין צו דיינע איידימים און דיא זאלסט דיך מיט זייא בזעגינין וועסט דיא שוין אליין פאר שטיין וואס צו טאהן. אזוי איז גיוועזין אז עס איז גיקומען דיא צייט צו פארין קיין לייפציג איז ער דער פער גיגאנגין צו זיין ערשטין איידים האט ער איהם גיטראפין פאר טופט אין לערנין האט ער זיך גיזעגינט מיט איהם. און ער האט גיפרעגט זיין איידים א וואסער מתנה זאל איך דיר ברענגין פון לייפציג האט ער איהם גיענטפערט וואס מיין שווער וועט פאר שטיין מיר צו ברענגין וועל איך צו נעמין מיט פרייד. און דער נאך איז ער גיגאנגין צו זיין אנדערין איידים האט ער גיהערט פון אינטער דער טיהר וויא איינער שרייט איך האב פיר מלכות איז ער אריין גיגאנגין און ער האט זיך מיט איהם גיזעגינט און ער האט איהם אויך גיפרעגט א וואסער מתנה ער זאל איהם ברענגין האט ער איהם גיענטפערט אזוי וויא דער ערשטער איידים אז וואס ער אליין וועט פאר שטיין זאל ער איהם ברענגין. איז ער אוועק גיפארין קיין לייפציג און אין עטליכע וואכין ארים איז ער גיקומען אהיים האט ער גיבראכט פון דאָרט ערשטין איידימס וועגין ט"ם מיט ריגאל פאפיר און טורים און רמבמ"ם און ש"ע מים שיינע בינד ביז עס האט אהן גיטראפין פינעף הונדערט רובל און אז ער האט זייא גינעבין זיין איידים האט ער איהם גידאנקט פאר דער מתנה. און צו דעם אנדערין איידים האט ער גיבראכט איין פאש קארטין פאר צוואנציג קאפיקים און ער האט איהם גיגעבין דיא מתנה איז דער אנדערער איידים שטארק מבויש גיווארין האט ער גיפרעגט זיין שווער פאר וואס האט איהר יענים איידים גיבראכט איין מתנה פאר פינעף הונדערט רובל און מיר האט איהר גיבראכט איין מתנה פאר צוואנציג קאפיקים האט איהם זיין שווער גיענטפערט איך האב גיבראכט מתנות אזוי וויא מען האט מיר גיזאגט ער זיצט איין גאנצין טאג און לערינט און אז ער האט מיר גיזאגט אז איך זאל אליין פאר שטיין וואס צו ברענגין האב איך פארשטאנין אז ער דארף ש"ס און רמב"ם און פוסקים. אבער אז איך בין אריין גיקומען צו דיר האב איך דיך גיטראפין שפילין און קארטין. און אז דיא האסט מיר גיזאגט אז איך זאל אליין פארשטיין וואס דיר צו ברענגין האב איך פארשטאנין אז דיא דארפסט האבין איין פאש קארטין האב איך דיר גיבראכט איין גיטין פאש קארטין. האט איהם דער איידים גיפרעגט פאר וואס קומט מיך מבייש צו זיין? אזוי האט איהם דער שווער גיענטפערט בעוויל ווען איך בין גיקומען צו דיר אין שטיב אריין האב איך גיזעהן אז דיין טלית לאכט אויך אויס דיר האב איך גיפרעגט דעם טלית פאר וואס לאכסט דיא האט מיר דיין טלית גיענטפערט

בעוויל

בעווײַל פון דעם ערשטען טאָג אָהן האָט עהר מיך נאָך נישט אָהן גימאָסטין אויף זיך. האָב איך גיפרעגט דײַן טלית דיא וואָלסט דאָך באַראָפין ווײַנין נישט לאַכין האָט ער מיר גיענטפערט איך לאַך אָבער בעווײַל אַז ער וועט מיך אָהן טאָהן ווען ער וועט שטאַרבין וועט ער מיך שוין נישט אויס טאָהן. אונ אַזוי וויא דער אײַדים האָט דאָס גיהערט איז ער שטאַרק בײַז גיוואָרין אונ ער איז אַהײַם גיפאָרין צו זײַן פאָטער אונ ער איז דאָרטין גיזעסין אײַן גאַנץ יאָהר איז דער שווער אַריבער גיפאָרין קײַן ריזין אונ ער האָט דער צײַלט דעם צדיק וואָס עס האָט איהם גיטראָפין מיט זײַן אײַדים. האָט איהם דער צדיק גיזאָגט אַז ער זאָל פאָרין צו זײַן אײַדים אונ ער זאָל זיך מיט איהם פאַר גלײַכין ווענין געלד אונ ער זאָל געטין זײַן טאָכטער. האָט עהר אַזוי גיטאָהן אונ ער איז גיפאָרין צו זײַן אײַדים אונ ער האָט זיך מיט איהם פאַר גלײַכט ווענין געלד אונ ער האָט זי גינעט אונ אַז עס איז פאַר בײַא גיגאַנגין צעהן יאָהר פון זינט דער ערשטער אײַדים האָט חתונה גיהאַט האָט ער אָהן גיהויבין צו האַנדלין מיט פעל יזוי וויא זײַן שווער אונ ער האָט מצליח גיוועזין אונ ער איז גיוואָרין אײַן גרויסער עושר אונ דיא גרושה האָט אויך גינימין אײַן בן תורה אונ זײַא האָבין שותפות גימאַכט אונ זײַא האָבין מצליח גיוועזין אונ זײַא זענין גיוואָרין ריזינער חסידים:

## נאָך אַ וווּנדערליכע מעשה פון דעם הײליגין צדיק ר"י פון ריזין זצ"ל.

אונ דער שטאָט קאָרעץ איז גיוועזין אײַן עושר אונ ער האָט גיהײַסין ר' יעקב ראָזענטאַל אונ ער איז גיוועזין אײַן גרוסער עניו ער האָט זיך גיהאַלטין נידריג ער איז גיוועזין אײַן וואַלד סוחר אײַן ריזינער חסיד. אונ פליצלינג איז ער גיוואָרין אײַן יורד אונ ער האָט גיהאַט אַסאַך בעלי חובות האָט ער פאַר קויפט זײַן הויז אונ זײַנע אַלע שטיב זאַכין אונ ער האָט אָפ גיגעבין זײַנע חובות אונ ער האָט נישט דער צײַלט קײַן שום מענטש זײַן אָרימקײַט אונ דו מענטשין פון דער שטאָט האָבין גימײַנט אַז ער איז אײַן עושר. אונ דער נאָך איז איהם פאַר ברענט גיוואָרין זײַן קלײַן הײַזיל וואָס ער האָט זיך איבער גילאָזט צו וואָינין. איז ער אַריבער גיפאָרין צו דעם צדיק פון ריזין. אונ ער האָט איהם דער צײַלט זײַן אָרימקײַט האָט איהם דער צדיק גיענטפערט דו ווערטער בגאות רשע ידלק עני" אונ מײַן האָט דער צדיק מיט איהם נישט גיוואָלט רײַדין. איז ער אַוועק גיגאַנגין פון דעם צדיק טרויריג אונ ער איז גיגאַנגין קײַן בארדיטשוב אונ ער איז גיגאַנגין אין דעם בית המדרש אַרײַן אונ ער האָט זיך גיזעצט לערנין אונ ער האָט נישט גיבעטין קײַן נדבה נאָר אַז אײַן מענטש האָט איהם אַלײַן גיגעבין האָט ער גינומען. צו אַז מען האָט איהם גערופין עסין איז ער גיגאַנגין אָבער ער האָט קײַנמאָל נישט גירעט

אײַן

איין מאהל איז ער ארוים געגאנגען פון דעם בית המדרש האט איהם געטראפען איין סטראזשניק האט ער איהם געפרעגט אויף איין פאספארט האט ער ניעט געהאט האט ער איהם גינימען אונ תפיסה ארײַן:

אונ דארטין איז גיוועזין איין גביר וואס זיין מנהג איז גיוועזין אז ער זאל שיקין אלע שבת עסין אונ דער תפיסה אריין פון די יודינס וועגין וואס זייא זיצין אונ דער תפיסה. אונ אז עס איז געקומין שבת איז דער ארימאן פון קארעץ גיזעסין אונ איין ווינקיל האט מען איהם נישט גינעבין קיין עסין. האט ער גימוזט פאסטין אונ שבת אונ דער סטריש האט איהם אויך ניעט גיגעבין בעוויל ער האט שבת ניעט געגעבין קיין עסין דורך דעם גביר בעוויל דער גביר האט זייא גיגעבין. דער איבער האט ער גיפאסט אים שבת אונ ווייא עס איז געקומין מוצאי שבת איז ער געוועזין זייער מיד. אונ ער איז אנטשלאפין געווארין איז דער לאמפ איז גיפאלין אויף איהם אונ זיינע קליידער האבין אהן געהויבין צו ברענין האט ער זיך אויף גיוועקט אונ ער האט אהן געהויבין צו שרייען האבין זיך אויף גיוועקט אלע מענטשין פון דער תפיסה אונ זייא האבין איהם פארלאשין. אבער ער איז גיוועזין ניט אב ניברימ פון דעם פייער. האט מען איהם גילייגקט אונ דעם שפיטאהל אריין. אונ אז די מענטשין פון ברדיטשוב האבין געהערט זיין צרה האבין זייא זיך אויף איהם דער בארעמט אונ זייא זענין געגאנגין צו איהם אין שפיטאהל אריין אונ צווישין זייא איז געגאנגין דער גביר וואס ער האט נישיקט אללע שבת עסין אין תפיסה אריין צו די יודין. האט דער גביר געפרעגט דעם דאקטער פון דעם שפיטאהל אויף דעם קראנקין האט איהם דער דאקטער גיענטפערט אז פון איין כרוי איז נישט קיין סכנה נאר דער מענטש איז שטארק אב געשלאפט וועגין הונגער. האט דער גביר גיפרעגט דעם ארימאן איך האב דאך נעכטין גישיקט עסין אין דער תפיסה אריין אונ פאר וואס האסט דו נישט גינעסין? האט איהם דער ארימאן גיענטפערט בעוויל מען האט מיר נישט גינעבין. איז דער גביר שטאריק בייז גיווארין אויף זיין משרת וואס ער האט געטראגין דאס עסין אין דער תפיסה אריין אונ ער האט איהם גיפרעגט פאר וואס האסט דו נישט געגעבין דעם ארימאן צו עסין האט דער משרת גיענטפערט איך האב איהם נישט גיזעהן האט דער גביר גיפרעגט דעם ארימאן פון וועלכער שטאט זענט איהר האט ער איהם גיענטפערט פון קארעץ האט איהם דער גביר גיפרעגט וויא אזוי הייסט איהר האט ער איהם גיזאגט יעקב ראזענטאל; האט זיך דער גביר שטאריק פאר וואונדערט אונ ער האט גיזאגט דיא בויזט דאך מיין פעטער'ס א זוהן וואס ער הייסט ר' יוסף ראזענטאל האט דער ארימאן גיענטפערט יאָה האט דער גביר איהם גיפרעגט מיין פעטער'ס זוהן איז דאך איין גביר. האט ער איהם דער ציילט דיא גאנצי מעשה. האט איהם דער גביר גיזאגט פון יעצט אהן זאלסט דיא נישט זארגין. אונ דער גביר האט איהם גינימען צו זיך אהיים אונ ער האט גיזאגט איין דאקטער אז ער זאל אללע טאג קימען צו איהם ביז ער

יעט

וועט גיזינד ווערין און אז ער איז גיזינד געוואָרין האָט איהם דער נגיר גינעבין געלד אז ער זאָל אָהן הייבּין צו האַנדלין מיט זיין מסחר פון האָיין האָט ער ביסלאַך וואָס מצליח גיוועזין האָט ער גיבראַכט זיין ווייב און זיינע קינדער קיין בּרדיטשוב און ער האָט אַלע מאָהל מיין מצליח גיוועזין ביז ער איז גיוואָרין איין גרויסער עושר. איז ער גיפאָרין צו דעם צדיק פון ריזין און ער האָט איהם דער ציילט אַלעס וואָס עס האָט איהם גיטראָפין. האָט איהם דער צדיק גיזאָגט זאָלסט ווייסין אַז דאָס וואָס דיא בּיסט גיוואָרין אָרים איז אַלץ גיוועזין דאָרך דיין נאַוה. און דאָס האָב איך גימיינט מיט מיינע ווערטער „בּנאות רשע ידיק עני" דאָרך דעם גרויס קיינט דאָס איז דיא נאוה וועט ווערין פאַר בּרענט דיין הויז און דיא וועסט ווערין אָרים. ע"כ זאָלסט דיא פון היינט אָהן שוין אָפּ טאָהן דיין גיאות בּעוויל דיין נידריקייט איז אויך גיוועזין וועגין נאוה און יעצט אַז דיא וועסט בּאמת זיין איין עניו וועסט דיא מצליח זיין און דיין מסחר און וועסט זיין איין גרויסער עושר:

---

## נאָך אַ ווינדערליכע מעשה פון דעם היילינין צדיק ר"י מריזין

אין דער שטאָט זיטאָמער איז גיוועזין איין עושר ער פלעגט לייען געלד אויף פּריצענט צו דיא דאָרפס מענטשין און אַחוץ דעם גרויסין פּריצענט וואָס ער האָט גינימין בּיא זייא האָבּין זייא איהם גיבּראַכט אייער און קעהז ווען זייא זענין גיוועזין אין שטאָט און דער עושר איז גיוועזין איין גרויסער קמצן און ער האָט נישט גענעבּין קיין געלד אויף פּרנסה נאָר זייא האָבּין גיגיב געהאַט פון דעם וואָס דו דאָרפסלייט האָבּין זייא גיבּראַכט און דער עושר און זיין ווייב זענין גיוועזין אַלטע מענטשין. און זייא האָט געהאַט איין בּאַזינדערין האַנדיל און זיא האָט גיהאַט איין אוצר. און זייא האָבּין נישט גיהאַט קיין קינדער נאָר איין זוהן האָבּין זייא געהאַט און דער זוהן איז גיוועזין איין אָרימאַן און זיין פאָטער האָט איהם נישט גיוואָלט געבּין קיין איין פּרוטה. פּלוצלינג איז זיין מוטער שלאַף געוואָרען און זיא האָט נישט געקענט רייִדין און דער עושר האָט זיא גיפּרעגט אויף איהר געלד האָט זיא איהם נישט גיענטפערט. און ער האָט מורא געהאַט טאָמער האָט זיא אַוועק גענעבּין איהר אוצר דעם זוהן האָט ער נישט גיוויסט וואָס צו טאָהן און ער האָט געהאַט דער פון גרויסע שמערצין. איז ער געפאָרין קיין ריזין צו דעם צדיק און ער האָט איהם דער ציילט אַז זיין' ווייב איז שלאַף און זיא קאָן נישט זאָגען וויא זיא האָט איהר אוצר. האָט איהם דער צדיק געזאָגט דו זאָלסט וויסין אַז דאָס איז נאָך נישט דיין סוף דו וועסט נאָך האָבּין ערגערי שמערצין בּעוויל דו בּיסט איין קמצן און דו גיסט נישט קיין צדקה און דו האָסט נישט קיין רחמנות אויף דיין אייגינים זוהן מיט זיינע זעקס קינדערלאַך

וואָס

וואָס זייא זענין שטענדיג הונגריג און דו גיסט איהם נישט אפילו איין פרוטה. און אזוי וויא דער עושר האָט דער הערט דו רייד פון דעם צדיק האָט איהם שטאַריק פאַרדראָסין און ער איז באַלד אַהיים נעפאָרין. און אזוי וויא ער איז אהיים נעקומען איז נעקומין צו איהם איין ערל מיט איין בריף פון דעם פריץ פון דאָרף האָט ער גיעפינט דעם בריף איז דאָרטין נישטאַנין. אזוי ווי איך האָב נעהערט אַז דו לייסט געלד אויף פריצענט. ע"כ בעט איך דיך אַז דו זאָלסט מיר אויך לייען צווייא טויזינד רוביל אויף פריצענט. וויפיל דו ווּעסט וועלין וועל איך דיר געבין האָט ער נעגומין צווייא טויזינד רוביל און ער איז ניפאָרין מיט דעם ערל. און אין מיטען וועג זענין איהם באַפאַלין רויבערם און זייא האָבין זיך ניהייסין נעבין געלד און זייא האָבין אויף נעהויבין איהם איין האַק און זייא האָבין איהם גיזאָגט אַז אויב ער וועט נישט וועלין נעבין דאָס געלד וועלין זייא איהם אָפּ האַקין זיין קאָפּ האָט ער זיך אָהן נעהויבין צו בעטין אַז זייא זאָלין אויף איהם רחמנות האָבין בעוויל ער איז איין אָרימאַן האָט דער ערל זייא גיזאָגט אַז ער איז איין עושר און יעצט האָט ער בייא זיך צווייא טויזינד רוביל האָבין די רויבערם איהם אָהן גיהויבין צו שלאָגין און ער האָט נעשריגין און ער האָט גיזאָגט רבש"ע העלף מיר וועל איך געבין טויזינד רוביל אויף צדקה. איז פלוצלינג דורך ניפאָרין די פאָסט זענין אלע רויבערם אנטלאָפין און ער איז נעפאָרין מיט דער פאָסט קיין זיטאָמער וויא ער האָט ניוווינט.

און אַז ער איז אהיים נעקומען האָט ער אַלעס פאַר געסין און ער האָט נישט באַצאָהלט זיין נדר. און אַז עס איז פאַר בייא גינאַנגין עטליכע וואָכין און ער איז ניזעסין און זיין שטוב און דורך זיין קמצנות האָט ער נישט פאַראָכטיר זיין הויז און עס איז שטענדיג גיוועזין צו בראָכין. פלוצלינג איז אויף איהם גיפאַלין דער באַלקין און דיא וועגט זענין אויך איין נעפאַלין איז איהם האָט ער אָהן ניהויבין צו שרייען זענין ניקומין אַ סך מענשין און זייא האָבין איהם אַרויס גישלעפט פון דאָרטין און ער איז גיווען גאָר צו האַקט איז ער שטאַריק שלאַף גיוואָרין און אַלע דאָקטורים האָבין גיזאָגט אַז ער וועט שטאַרבין. און דער זוהן איז נעקומין צו זיין פאָטער מבקר חולה זיין האָט ער נעהערט אַז דו דאָקטורים זאָגין אַז ער וועט שטאַרבין איז ער טרויריג געוואָרין אָבער אַ ביסיל האָט ער זיך גיפרייט בעוויל ער וועט דאָך איהם ירשינן און ער וועט ווערין איין גביר. און צו דעם עושר איז נעקומין איין אָרימער ברודער און הגם ער האָט קיין איין מאָהל נאָך נישט גינימען בייא זיין ברידער קיין שום נדבה פון דעסט וועגין אַז דער ברידער האָט גיהערט. אַז ער איז שטאַריק שלאַף האָט ער רחמנות נעהאַט אויף איהם. און ער איז נעפאָרין צו דעם צדיק פון ריזין און האָט איהם דער ציילט אַז זיין ברידער איז שלאַף האָט איהם דער צדיק נעזאָגט איך האָב דאָך שוין גיזאָגט דיין ברידער אַז עס וועט איהם זיין ביטער און זיין סוף און יעצט אַז דו ביסט שוין נעקומין וועל איך דיר זאָגין אז וויא באַלד ער וועט

געבין אַ סך צדקה און ער וועט שוין נישט זיין קיין קמצן וועט ער געזונד ווערין. און ער איז געקומין צו זיין ברידער און ער האָט איהם דער ציילט וואָס דער צדיק האָט איהם געזאָגט. האָט ער אויף זיך מקבל געוועזין אַז ער זאָל שוין פון היינט אָהן געבין אַ סך צדקה. האָט ער גיגעבין זיינע שליסלין צו זיין ברודער און ער האָט איהם געגעבין רשות אַז ער מעג צו טיילין דאָס גאַנצי געלד אויף צדקה. און דער ברידער האָט צו ערשטינס געגעבין זיין ברידערס זוהן צוועלף טויזינד רובל. און דער נאָך האָט ער פאַראָכטען צוועלף חדרים פון זיין ברידערס הויז און ער האָט זיי געשענקט אויף הכנסת אורחים און ער האָט גיגעבין צו אָרימע לייט עסין און טרינקין און ער האָט גיגעבין אַסאַך צדקה:

און ביסלאַך וואָס איז דער עושר געזינד געוואָרין און זיין ווייב איז אויך געזינד געוואָרין און אַזוי וויא ער האָט דער זעהן אַז עס פעהלט איהם שוין אַסאַך געלד האָט ער געשריגין אויף זיין ברידער פאַר וואָס ער האָט צו טיילט אַזוי פיהל געלד און מחמת ע"ג איז ער נאָך אַמאָהל שלאַף געוואָרין און די רופאים האָבין געזאָגט אַז ער וועט זיכער שטאַרבין האָט איהם דער ברידער געזאָגט די זאָלסט געדענקין וואָס דער צדיק האָט געזאָגט אַז די זאָלסט געבין אַסאַך צדקה און האָסט דאָך גינימען אויף דיר און די האָסט מיר גיגעבין דיינע שליסלין אַז איך זאָל געבין צדקה און פאַר וואָס זאָלסט די חרטה האָבין אָבער זיינע ווערטער האָבין נישט גיפויעלט ביי זיין ברידער בעווייל ער איז געוועזין איין גרויסער קמצן און ער האָט שטאַרק גיזאָרגט אויף דעם געלד וואָס דער ברידער האָט צו טיילט און ער איז דורך דעם גישטאָרבין און דער זוהן האָט איהם גירשינת און ער האָט גינימען זיין פעטער און זיין מיטער צו זיך און ער האָט גילעבט ברייט אַזוי וויא די עשירים און ער האָט צו טיילט אַסאַך צדקה צו אָריםע לייט און ער איז געוועזין איין גרויסער בעל מכנים אורח און זיין שם איז מפורסם געוואָרין אויף דער גאַנצער וועלט און ער איז געוואָרין דער גרעסטער רוזינער חסיד און ער איז שטענדיג געזעסין לעבין דעם היילינין צדיק פון ריזין

## נאָך אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם היילינין צדיק ר"י פון ריזין זצ"ל

און דער שטאָט בראָדי איז געוועזין אַ עשיר אַ מתנגד און ער האָט געהאַט צוויי זוהן דער עלטערער איז געוועזין אויך אַמתנגד און דער אינגערער איז געוועזין אַ חסיד פון דעם ריזינערס חסידים נאָר און אַ צייט אַרום איז גישטאָרבין דער אַלטער פאָטער און האָט איבער גילאָזט אַ גרויס פאַר מעגין זיין מסחר איז געוועזין אַ געשעפט פון אייזין האָבין די גאַנצע שטאָט גישמוכט אַז די צוויי ברידער ווערין בלייבין שותפים ביי דעם געשעפט און עס וועט זיך פירין דער געשעפט וויא פריער נאָר דער חסיד האָט גיזאָגט

געזאָגט ער קען קיין שותפות נישט מאַכין ביז ער וועט פרעגין דעם רבי'ן איז ער געפאָרין קיין ריזין אונ האָט גיפרעגט דעם רבי'ן האָט דער רבי איהם נישט גיהייסין מאַכין קיין שותפות אז ער איז גיקומען אַהיים אונ האָט דער צייהלט זיין ווייב אַז דער רבי האָט נישט מסכים גיוועזן צו מאַכין קיין שותפות האָט איהם דאָס ווייב גיענטפערט אַז איהר גיפעלט נישט דעם רבי'נס רייד ווארים אַזוי זויא דער גישעפט פירט זיך שוין כמה יאָהרין אונ דער עלטערער ברודער ווייסט דעם גישעפט זייער גוט אונ ער קען אַלע סוחרים אונ אַלע קענען איהם דעריבער איז גלייכער אַז דאָס גישעפט זאָל גיפירט ווערין ווייטער אַזוי ווי עס איז גיוועזן נאָר דער מאַן האָט גישריגין אַז ער וועט איהר נישט פאָלגין מחמת דער רבי האָט איהם נישט גיהייסין נאָר אַזוי וויא דאָס ווייב האָט מיט איהם גיטענעת אַלע טאָג דער פון אונ זיא האָט גישריגין אַז עס וועט אַנדערש נישט זיין ביז האַנען דער מאַן איז מיד גיוואָרין אונ האָט איהר נאָך גיגעבין אונ האָט גימאַכט שותפות מיט דעם ברודער אונ אַזוי איז אַוועק אַערך צווי יאָהר נאָר אַזוי וויא דער עלטערער ברודער האָט גיהאַט זעקס טעכטער מיט איין זאָהן אונ דער יונגערער האָט מער נישט גיהאַט וויא איין זאָהן מיט איין טאָכטער האָבין זייא גימאַכט אַז זייא זאָלין אַרוים נעמין אויף פרנסה גלייך אונ דעם יונגערין'ס בן יחיד איז גיוועזן אַ גרויסער עילוי האָבין זייא גידונגען איין מלמד ער זאָל לערנען מיט ביידע קינדער אונ דיא קינדער האָבין זיך זייער ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן אַז זייא האָבין נישט געקענט אויס קומען איינער אָן דעם אַנדערין אונ אַ צייט אַרום האָבין דו משרתים פון געשעפט דער צייהלט דעם יונגערין ברודער אַז דער עלטערער ברודער גנבת פון גישעפט די סחורה ווארים ער איז אַ גרויסער בעל הוצאָה פון דו קונדער האָט דער יונגערער ברודער אָהן געהויבין אַכטינג געבין אויף איהם אונ האָט גיזעהן אַז עס איז אמת האָט ער זיך אָהן גיהויבין צו קריגין מיט דעם עלטערין ברידער אונ דיא מחלוקת איז גיוועזן אַזוי ווייט ביז מענטשין האָבין זיך אַריין גימישט אונ דעם האָט מען גימאַכט אַז פון דעם גאַנצין קאַפּיטאַל וויפיל עס טרעפט אָן דאָס גישעפט זאָל דער עלטערער נעמין צווייא חלקים אונ דער יונגערער אַ דריטיל אונ זייא האָבין זיך צו טיילט דער האָט געמאַכט אַ בעזינדער געשעפט אונ דער בעזינדער. זענין זייא זיך גיוואָרין שונאים איינער דעם אַנדערין אַזוי וויא דער שטיינער פון קאָנקורענציע נאָר דיא זוהן זייערע האָבין זיך ליב געהאַט אַזוי וויא פריער אונ אַזוי וויא דער יונגערער ברודער איז גיוועזן זייער אַ גיטער מענטש האָט ער צו געצויגין צו זיך אַלע סוחרים איז ער גיוואָרין זייער רייך האָט זיך דער עלטערער ברידער אָן עס מקנא גיוועזן אונ האָט גיזוכט עצות ער זאָל פון איהם פטור ווערין האָט ער טאָג אונ נאַכט נעטראַכט עצות מיט זיין ווייב ביז זייא זענין גיפאַלין אויף איין עצה מען זאָל נעמין פאַלטש געלד אונ אונטער וואַרפין דעם ברידער אונ טסרין איהם אַז ער האַנדילט מיט פאַלש געלד אונ זייא האָבין מאַכי געקריגין פאַלטש געלד

זיא

זײַא האָבין אָבער נישט גיהאַט װער עס זאָל דאָס אונטער װאַרפין איז בײַא זײַא געבליבין זײַא זאָלין אונטער קױפין דו דינסט װאָס זיא דינט בײַא דעם ברודער אַז זיא זאָל דאָס טאָהן נאָר װיא זײַא האָבין דאָס גירעט אונ זײַער בן יחיד איז געזעסין אונ אַנדערין חדר האָט ער דאָס גיהערט האָט דאָס איהם זײַער פאַר דראָסין נאָר ער האָט נישט גיקענט רעדין אַ קענין דיא עלטערין האָט ער גימוזט שװײַגין אונ עטליכע טעג אַרים איז גיקומען נאַנץ פאָליציע צום יונגערין ברודער אונ מען האָט גימאַכט אַ ראָװיזיע אונ מען האָט גיפונען דאָס פאַלשע געלד האָט מען אים אײַן גיזעצט אונ טורמע אונ דאָס װײַב זײַנע האָט ניהאַט גישלאָפין מיט דיא קינדער נאָך דעם זעגין זײַא אויף גשטאַנען אַז זײַא האָבין דער הערט װאָס דאָ איז גיװען האָבין זײַא גיחלישט צום טױט ביז מיט גרױס מיא האָבין זײַא מענטשין אָפּ גיראַטעװעט אונ אויף מאָרגין איז גיװען אַ גרױסער רעש אונ שטאָט דער האָט גינלײַבט אונ דער האָט גיזאָגט עס איז אַ בילבול אַזױ װיא דער שטײַנער פון מענטשין נאָר דיא יודענע מיט דיא קינדער איז גיװען שלעכט פון אַלע זײַטין זײַא האָבין נישט גיקענט אַרױס גײַן אויף דער גאַס פאַר שאַנדע אונ אַזױ װיא עס איז זײַא גיװען זײַער שלעכט האָבין זײַא זיך מײַשב גיװען זײַא האָבין קײַן אַנדערע עצה נישט נאָר פאָהרין צום צדיק פון ריזין איז דיא יודענע גיפאָרין אַז זיא איז גיקומען צום רבי'ן אונ האָט איהם פאַר צײַלט דיא גאַנצע זאַך האָט ער איהר גיענטפערט דיא בױזט אַלײַין שילדיג אונ דעם איך האָב דאָך דײַן מאַן נישט גיהײַסין מאַכין קײַן שותפות נאָר דיא האָסט איהם גינײַט דער צו נאָר װאָס איז גיװען איז גיװען דעריבער האָף צו נאָט ער װעט דיך, נישט פאַר לאָזין אונ אַזױ װיא ער האָט גיװאָלט. טוהן זײַן ברודער אַזױ װעט גיטוהן װערין צו איהם נאָר גילױבט איז גאָט װאָס דײַן זוהן מיט זײַן זוהן זענין גיטע פרײַנד אונ מער האָט שױן דער צדיק נישט גירעדט אונ האָט איהר גיהײַסין פאָרין אַהײַם אונ אַז זיא איז גיקומען אַהײַם האָט איהר דער זוהן פאַר צײַלט אַז דעם פעטער'ס זוהן גײַט אַרים מיט גרױס ע"ג דער פון אונ האָט עפּיס גזאָגט אַפאָר װערטער װאָס עס װײַזט אױס אַז ער װײַסט עפּיס אַ סוד דער פון אונ איך האָב איהם גיבעטין װיפיל מאָהל ער זאָל מיר זאָגין װאָס ער װײַסט האָט ער גישװיגען אונ האָט מיר גאָר נישט גיענטפערט װיא דיא מיטער האָט דאָס דער הערט האָט זיא גיזאָגט צו איהר זאָהן יעצט פאַר שטײַא איך װאָס דער צדיק האָט מיר גיזאָגט גילױבט איז גאָט װאָס דײַן זוהן מיט זײַן זוהן זענין גיטע פרײַנד דעריבער מײַן קונד איז אויף דיר חל דו זאָלסט אױס פאָרשטין בײַא דײַן חבר דעם פעטער'ס זוהן װאָס ער װײַסט װיא ער האָט דאָס געהערט איז ער גינאַנגען צו זײַן חבר אונ האָט איהם גיזאָגט דיא ביסט מײַן בעסטער גיטער פרײַנד פון יונגענד אָהן אונ דו װײַסט אַכוד פון דעם גישעפט אונ דו זעהסט צו דיא יסורים װאָס מיר האָבין פון דעם אונ דו שװײַגסט מוז איך זיך פון דיר אָפּ שײדין װאָרים איך פאַר שטײַא אַז דו בױזט מיר אויך אַזאַ שונא װיא דײַן פאָטער איז אַ שונא מײַן פאָטער אונ

ער

ער האָט איהם פאַר צייַלט וואָס דער צדיק האָט ניזאָגט. אונ אַזוי וויא ער האָט איהם דאָס ניזאָגט האָט דער חבר אָהן געהויבין צו וויינין אונ האָט ניזאָגט וואָס קען איך אָבער טאָהן קעגין כיבוד אַב ואם האָט איהם דער חבר ניזאָגט אונ אַז דייַן פאָטער וועט דיך הייסין מחלל שבת זייַן וועסטו איהם אויך פאָלגין פאַר געם נישט אַז דאָס איז אַענין פון פיקוח נפש וואָס מען מעג מחלל שבת זייַן וואָרים מייַן פאָטער וועט דאָס נעוויס נישט אויס האַלטין אונ ער האָט מיט איהם נירעט זייער אַ סך אונ ער האָט איהם ניבעטין ער זאָל רחמנות האָבין אויף זייער גאַנץ הויז נעזינד האָט איהם דער חבר פאַר צייַלט דו גאַנצע מעשה וויא ער האָט ניהערט וויא דער פאָטער מיט דער מוטער האָבין נישמוסט אַז מען דאַרף ניט בעצאָהלין דער דינסט וואָס זיא דינט בייַא ענק אַז זיא זאָל אונטער וואַרפין דאָס פאַלטשע געלד האָט ער איהם ניפרעגט ווייסטו ריכטיג אַז עס איז אַזוי ניוועזן האָט ער איהם ניענטפערט איך בעט דיך רייד מיט מיר מעהר נישט פון דעם וואָרים איך קען שוין מעהר נישט ריידין. וויא ער האָט דאָס דער הערט איז ער ניגאַנגין אונ האָט דאָס פאַר צייַלט דער מוטער. איז דו מוטער ניגאַנגין צו פאָליציע אונ האָט ניזאָגט אַז דיא דינסט וואָס דינט בייַ איהר ווייסט דו גאַנצע מעשה האָט מען זיא באַלד נענימין אויס סלעדעווען האָט זיא נעלייקינט אַז זיא ווייסט נישט פון קיין זאַך נאָר אַז מען האָט זיא איין ניזעצט אונ דער תפיסה אונ מען האָט זיא נעשלאָגין ביז זיא האָט אָהן נעהויבין צו דרייען מיט דער צונג ביז דער סלעדאָוואַטיל האָט פון איהר אַרויס ניקריגין דיבורים אונ זיא האָט מודה ניוועזן אַז דעם בעה"ב ברידער האָט זיא ניבעטין זיא זאָל אונטער וואַרפין דאָס געלד בייַא איהר בעה"ב האָט מען נענימין דעם עלטערין ברידער אונ דו דינסט האָט איהם ניזאָגט גלייַך אונ דו אוינין יעדער וואָרט. האָט מען איהם איין ניזעצט אין דער תפיסה אונ דעם יונגערין ברודער האָט מען פרייַא נילאָזט אונ ער האָט אָהן נעהויבין מאַכין גוטע נישעפטין אונ ער האָט נענומין דעם ברידער'ס זוהן פאַר איין חתן צו זייַן טאָכטער אונ דעם ברודער'ס וויַיב מיט דו קינדער האָט ער נענעבין פרנסה וויפיל זייַא האָבין בעדאָרפין וואָרים דעם ברודער האָט מען פאַר שיקט אַרעסטיינסקי ראָטי.

## נאָך אַ וואונדערליכע מעשה פון דעם הייליגין צדיק ר"י פון ריזין זצ"ל.

אונ דער שטאָט אַדעסס איז ניוועזן צווייא גבירים ידידים זייא האָבין זיך ליב נעהאַט איינער דעם אַנדערין אַהבת נפש אונ ביידע האָבין גיהאַט זוהן בני יחידים האָבין זייא ניחנגנע איין מלמד ער זאָל לערנין מיט ביידע קינדער אונ די קינדער זענין איין גיווינט ניוואָרין איינער מיט דעם אַנדערין אונ זייא האָבין זיך ליב נעקריגין אַז זיי האָבין זיך נישט ניקענט אָפּ שיידין איינער פון אַנדערין אונ אַזוי האָבין זייא ניוואַקסין ביז זייא

יעני

זענען גרוים געוואָרין און האָבין חתונה געהאַט און נאָך דער חתונה האָבין זייא זיך וויטער ליב געהאַט איינער דעם אַנדערין און אַז זייערע ווייבער זענען געוואָרין מעוברת האָבין זייא צו געזאָגט איינער דעם אַנדערין אויב איינע וועט געבאָרין אַזכר און איינע אַ נקבה און זייא וועלין לעבין זאָלין זייא זיך משדך זיין. און עס איז אַזוי געוועזין איינע פון די ווייבער האָט געהאַט אַ זכר און די אַנדערע אַ נקבה האָבין זייא אַללע צייטין געשמועסט עס זאָל זיין אַ שידוך וואָרים דאָס איז מן השמים און די קונדער זענען אויף געוואַקסין און זענין געוואָרין גרוים און האָבין זיך נעהאָדעוויט צו זאַמען און די עלטערין האָבין פון זייא געהאַט נחת וואָרים די עלטערין זענין ביידע געוועזן רייך און גליקליך נאָר נישט אויף אייביג איז דאָס גליק. וואָרים איינער פון די חבירים איז געוואָרין אָרום מחמת ער האָט אַוועק געבאָרענט זיין גאַנץ געלד און מען האָט עס אים אָן געזעצט. דאָס איז געוועזן דער פאָטער פון דער נקבה און דער חבר דער פאָטער פון זכר איז וואָס אַ טאָג געוואָרין רייכער און עס איז געוועזן אַז די קונדער זענין עלטער געוואָרין און עס איז שוין געקומען די צייט וואָס מען דאַרף חתונה מאַכין האָט דער רייכער חבר נישט געוואָלט דעם שידוך. און אַזוי וויא די קינדער האָבין זיך געהאָדעוועט צו זאַמען און געווינט צו זאַמען האָבין די קינדער אויך נישט מסכים געוועזן אַז דער שידוך זאָל אָפּ גייען נאָר דער פאָטער פון דעם זכר דער גביר האָט בשום אופן נישט געוואָלט דעם שידוך איז דער אָרימער חבר געפאָרין צום צדיק פון ריזין און האָט איהם פאַר צייהלט האָט

דער רבי געשריבין אַ בריף צום גביר אין האָט איהם געבעטין ער זאָל נישט אָפּ לאָזין דעם שידוך נאָר דער גביר האָט גאָר נישט געוואָלט הערין דעם רבינ'ס רייד. און דער חבר דער אָרימאַן איז געוואָרין יעדען טאָג מעהר אָרום ביז ער האָט קיין ברויט נישט געהאַט איז ער געפאָרין נאָך אַ מאָהל צום רבי'ן און האָט פאַר אים זייער געוויינט און האָט איהם פאַר צייהלט אַז זיין ב"ב גייען אוים פאַר הונגער האָט דער רבי געשריבין נאָך אַ בריף צו דעם גביר ער זאָל רחמנות האָבין אויף זיין חבר פון יוגענד און זאָל איהם געבין עפּעס אַ שטעלע און זיינע געשעפטין בכדי ער זאָל קענען מפרנס זיין זיין ווייב און קינדער וואָרים דער עושר האָט געהאַט אַ געשעפט פון זיידענע סחורה און האָט געהאַט אַ גרויסע שיף אופן ים איז דער חבר דער אָרימאַן געקומען צום גביר מיט דעם בריף פון רבי'ן האָט ער איהם גאָר נישט געוואָלט ענטפערין איז ער נעביך אַוועק געגאַנגען מיט גרוים ע"ג און איז נאָך אַ מאָהל געפאָרין צום רבין האָט דער רבי געהערט וויא דער גביר איז זיך בענאַנגען מיט דעם חבר האָט ער צו איהם געזאָגט דער גביר וועט חרטה האָבין נאָר פאַר דיר איז דאָ אַ עצה דיא זאָלסט פאָרין קיין סעוויסטאָפּעל אַזוי וויא עס איז יעצט דיא מלחמה פון טערק און פראַנצויזען קענסטו דאָרט פאַר דינען האָט איהם דער אָרימער חבר געפאָלגט און איז אַוועק קיין סעויסטאָפּיל און האָט זיך דאָרט געוואָלנערט עטליכע וואָכין ביז ער האָט געקריגען אַ שטעללע ביי אַ פאָדרייציג אַ רום וואָס פלעגט צו שטעלען פרעוויאַנט צו דיא זעלנער

און איז אפ געוועזן כמאָ איהם א צייט און האט שוין גישיקט אהיים געלט. נאך דעם איז דער פאָדרייציג דער רוס גיהרגעט גיוואָרין און דער מלחמה האט זיך דער משרת זיינער אינטער גינימען דיא פאָדראדין וואָרים גאנץ נאצאלסטווא האָבין איהם גיקענט אז ער איז א ערליכער מאן און ער האט אהן גיהויבין מצליח זיין און איז פון טאָג צו טאָג גליקליכער גיוואָרין. און דער חבר דער גביר האט גיהאט א גרויסע שיף אויף דעם ים האט ער זיא אָהן גילאָדין מיט סחורה און איז אליין אויך מיט גיפאָרין אופין שיף איז פליצלנג גיוואָרין א גרויסער שטורם ווינד און עס האט איבער גיקערט דיא שיף און אלעס איז דער טרינקען גיוואָרין אפילו דיא אלע מענטשין וואס זענין דאָרט און שיף גיוועזן און ער איז שוין גילעגין און וואסער האט ער זיך גיטראכט אז גאָט שטראָפט איהם דער פאַר וואס ער האט אפ גילאָזט דעם שידוך האט ער א נדר גיטאָהן אז השי"ת וועט איהם העלפין און וועט ניצל ווערין וועט ער האלטין דעם שידוך איז פליצלינג אָהן גישווימען נעבין איהם דער זעגיל בוים פון שיף האט ער זיך אָנגיהאפט אָהן דעם זעגיל בוים און איז ארויף און האט זיך גיזעצט אויף איהם און דער ווינד האט איהם גיטראָגין זייער ווייט ביז דער שטורים האט עס ארויס גיוואָרפין אויף א אינזיל און ער איז דאָרט אפ גילעגין צווי טעג ביז עס איז דאָרך גיגאנגען א שיף האט ער אָנגיהויבין שרייען האט מען דער הערט און מען האט צו גישיקט צו איהם א קליין שיפיל און מען האט איהם צו גפירט צום גרויסין שיף און ער האט זיא פאַר צייט יין גאנצע גשיכטע האבין זיא איהם גיפירט ביז אדעסע און אז ער איז גיקומען אהיים האט ער זיך גינימען צו זיין גישעפט פון זיינע סחורה און האט ווייטער מצליח גיוועזן און פון דעם נדר וואס ער האט גיטוהן האט ער זיך גימאכט גאר נישט ווייסינדיג און אצייט ארים איז זיין גישעפט און גאנצין פאַר ברענד גיוואָרין און ער איז ארויס און גיבליבין אָרים און נאך דער צו א גרויסער בע"ח אז ער האט זיך גישעמט ארויס צו גיין אויף דער גאס איז ער אוועק ווייא זיינע אויגין האבין איהם גיטראָגין און איז גיגאנגען צו פיס פון שטאָט צו שטאָט ביז ער איז גיקומען קיין ריזין איז ער ארייַן גענאנגין צום צדיק און האט איהם דער ציילט זיין גאנצין אומגליק וואס איהם האט גיטראָפין האט דער צדיק אויף איהם אָהן גישריגין דיא ביזט א רשע גמור דיא האסט קיין רחמנות נישט גיהאט אויף דיין חבר פון יונגענד אז עס איז עס גיוועזן אזו שלעכט און דיא האסט נאך דעם שידוך גישטערט און איך האָב דיר גישריבין צוויא בריף און דיא האסט נישט גיוואָלט הערין דעריבער פיזטו צוויא מאָהל גישטראָפט גיוואָרין. איז דער מאן גיפאלין צום רבי'נס פיס און האט גיבעטין ער זאָל איהם מוחל זיין וואָרים ער וויל טוהן תשובה האט איהם דער צדיק גיזאָגט יעצט האסטו איין עצה דיא זאָלסט צועהן קיין סוויסטאָפעל דאָרט איז דיין חבר ער וועט אויף דיר רחמנות האָבין נישט אזוי וויא דיא. איז ער אוועק קיין סויכטאָפעל און איז גיקומען צום חבר וויא ער האט איהם גיזעהן

און אַזוי אַ שטאַנד האָט ער איהם באַלד' אויס ניקליידט און האָט איהם אָפּ ניגעבין אַקליין פאָרדאַר האָט ער פאַר דינט געלט נאָך דעם, האָט ער גינימען פון זיינט וועגין גרויסע פאָדראַדין און ער איז גיוואָרן צוריק אַ גביר, און זייא זענין דאָרט גיוועזן אַז עס האָט זיך גיקאָנטשיט די מלחמת זענין זייא ביידע אַהיים גיפאָרין גרויסע גבירים און האָבין חתונה גימאַכט דיא ביידע קינדער און האָבין פון זייא גיהאַט פיל נחת און זייא זענין גיוועזן פון דיא גרעסטע ריזינער חסידים און בעל צדקות :

## נאָך אַ ווינדערליכע מעשה פון דעם היילגין צדיק ר"י מריזין.

און דער שטאָט קאַמעניץ איז גיוועזן אַעושר און האָט מער נישט גיהאַט וויא אַ איינציגין זוהן אַ קאַליקע ער האָט גיהאַט אַ הויקער און איז גיוועזן זייער מאָגער האָט ער נישט גיקענט קריגען פאַר איהם קיין שידוך און ער איז שוין גיוועזן און דיא יאָהרין איז דער פאָטער גיפאָרין צום צדיק פון ריזין און האָט פאַר איהם זיך מתנצל גיוועזן וואָס ער קריגט קיין שידוך נישט פאַר זיין זוהן האָט איהם דער צדיק גיזאָגט ער זאָל נאָך זוכין איין אָרימע יתומה און ער זאָל זיך משדך זיין און עס מעג זיין אַפילו פון אַפּראָסט אָרט נאָר דער עושר האָט נישט גיוואָלט . ערשטין ניט ער אַסאַך געלד און ער איז אַ גרויסער יחסן איז אַזוי אַוועק גינאַנגין אַ לאַנגע צייט און עס האָט זיך נישט גיטראָפין קיין שידוך איין מאָהל איז גיקומען צו איהם אַ שדכן און האָט איהם פאַר גילייגט אַ שידוך פון דער שטאָט קרעמענציג מיט אַ עושר אַ יחסן און וויל געבין געלד נאָר אַזוי וויא ביי איהם איז דאָס אַנדערע ווייב קען זיא נישט זיין מיט דער טאָכטער וויל ער פטערין דיא טאָכטער וואָס גיכער און ער וועט נישט קיקען וואָס דער חתן איז אַ קאַליקע וואָרים ער מיז דאָס טאָהן צו ליב דעם ווייב איז דיא זאַך גיפעלין דעם עושר פון קאַמעניץ און ער האָט זיך גיקלערט זיא איז דאָך אַ יתומה אָהן אַ מיטער וועל איך דאָך מקיים זיין דעם רבי'נס רייד האָט ער גיהייסין דעם שדכן ער זאָל שרייבין צו יענעם קיין קרעמענציג און דאָרך ריידין דיא פּרטים איז אַזוי אַוועק אַ פאָר וואָכין ביז זייא זענין דאָרך גיקומען אַלע פּרטים איז דער עושר פון קאַמעניץ גיפאָרין קיין קרעמענציג און האָט גיזעהן דיא כלה איז זיא איהם גיפעלין און האָט דאָרט גימאַכט תנאים און ער האָט נישט גיקוקט אויף דעם וואָס דער צדיק האָט איהם גיזאָגט אַז ער זאָל נעמין אַ אָרימע יתומה און האָט זיך משדך גיוועזן מיט אַ עושר און מען האָט אָפּ גילייגט דיא חתונה אויף דרייא חדשים אַז עס איז גיקומען דיא צייט פאַר דער חתונה איז גיפאָרין דער עושר פון קאַמעניץ קיין קרעמענציג אויף דער חתונה און וויא זייא זענין גיקומען אַהין און דיא כלה האָט גיזעהן דעם חתן אַז ער איז אַ הויקער האָט זיא

פאַר

פאר שטאנען אז דאס האט איהר גיטוהן איהר שטיף מוטער ווארים זיא איז אויף איהר בייז האט זיא צו גירעדט איהר פאטער צו טאהן דעם שידוך צו פטור ווערין פון איהר אונ נאך האבין אנקמה וואס זיא וועט האבין א מאן אהוקער אונ א קראנקער האט זי נישט גירעט קיין איינציג ווארט אין האט זיך איינגיהאלטין פון דעם ביז נאך דער חופה אונ ביי דער נאכט האט זיא צו זאמען נעקליבין אללע איהרע מלבושים מיט דעם צירונג אונ איז אנטלאפין אונ צו מארגינס איז נעווארין א רעש אונ שטאט וואס דו כלה איז פארלארין גיווארין נאך דער חופה האט מען ארום נעשיקט מענטשין זיא צו זיכין אונ אללע שטעט אונ מען האט זיא נישט ניפונען איז נעבאך דער חתן מיט דעם מחותן אוועק גיפארין אהיים מיט גרוים בזיון אונ דו כלה האט זיך ארום גיוואלגערט פון שטאט צו שטאט אונ האט נישט גיוואלט זיך אומקערין צום פאטער צו ליב דער שטיף מוטער איז זיא אזוי ארום גיוואנדערט ביז זיא האט שוין נישט גיהאט אויף דער הוצאה האט זיא זיך גישטעלט פאר אדינסט ביי א נגיד נאר דער נגיד האט גיהאט א זוהן א בן יחיד אגרויסער הולטאיער האט זיא נישט גיקענט אוים האלטין פון איהם מיט זיינע רייד איז זי אוועק אונ האט זיך גישטעלט פאר אדינסט ביי א אנדערין נגיד נאר דארט איז דער נגיד גיוועז אהולטאיער איז זיא פון דארט אויך א וועק אונ האט שוין מער נישט גיוואלט זיין קיין דינסט נאר אזוי ווי זיא האט נישט גיהאט פון וואנין אטאג איבער צו לעבין האט זי אנגעהויבין צו גיין בעטלען אונ די הייזער פון שטאט צו שטאט מיט

אקאמפאניע בעטלערס אונ צום פאטער האט זיא אללעס נישט גיוואלט זיך אומקערין אונ אזוי האט זיא זיך ארומגישלעפט צוויא יאהר. דער וויל איז דער נגיד פון קאמעניץ איהר שווער גישטארבין אין דער זוהן דער הוקער האט געיירשינט זיינם אגרוים פאר מעגין אונ אז דער הוקער האט זיך באטראכט וואס וועט זיין פון איהם ער איז אזוי אנגיר נאר קיין וויב אונ קינד האט ער נישט אונ עס איז שוין אוועק אזא צייט אונ מען הערט גאר נישט פון זיין וויב וואס איז פאר לוירין געווארין איז ער גיפארין צום צדיק פון ריזין אונ האט גיוויינט פאר איהם וואס וועט זיין פון איהם דער תכלית ער וועט שוין זיין איינזאם א עגון האט איהם דער צדיק גיענטפערט איך האב דאך גיזאגט דיין פאטער ע"ה אז ער זאל זיך משדך זיין מיט איין ארימע יתומה אונ ער האט מיר נישט נעפאלגט אונ ער האט נעזוכט דוקא א רייכע. נאר יעצט איז מיין עצה דו זאלסט משנה מקום זיין ארוים צוען זיך פון קאמעניץ אונ זאלסט זיך באזעצין אונ ברדיטשוב אין זאלסט ווערין א גרוסער בעל צדקה אונ גמילת חסדים וועט דיר מקוים ווערין דער מאמר חז"ל זכה עזרתו אז דער מענטש איז זוכה ער מיט מעשים טובים איז דאס וויב זיינע א הילף האט דער הוקער נעפאלגט דעם צדיק אונ איז אריבער קיין ברדיטשוב אונ האט גיקויפט א שיין הוז אונ האט אפ גינעבין א שטוב אויף הכנסת אורחים אונ איז גיווארין א גרויסער בעל צדקה אז זיין שם האט מען גיהערט גאנץ וויט. אונ ער האט גיהאט דער פון א סך נחת אונ האט גינעסין אונ גיטרונקין דו בעסטע זאכין

זאלין איז ער געווארין פעט אונ געזינד אונ אללע ארימע לייט האבין זיך גיצויגין צו איהם מחמת ער האט גינעבין צו עסין אונ צו טרינקען אונ א ארט צו שלאפין אונ א גיטע נדבה אונ אזוי גיא דיא קאמפאניע ארימע לייט וואס דו כלה האט זיך מיט זייא ארום גישלעפט אוף דער וועלט זענען גיוועזען לעבין ברדיטשוב זענין זייא גיגאנגין אונטערשטאט אונ גלייך גיגאנגין צו דעם נגיד דעם בעל צדקה אונ אללע ארימע לייט האט ער גיגעבין אשיינע נדבה. נאר דו כלה ווייא זייא איז אריין גיקומין צום נגיד האט זייא איהם באלד דער קאנט נאר ער האט זיא נישט דער קענט ווארים זייא איז גיגאנגין קרוע ובלוע אונ זייא איז גיוועזען זייער שווארץ מחמת ארימקייט אונ דער נגיד האט איהר אויך גינעבין א רעכטע נדבה האט זייא נישט גיוואלט נעמין. פרעגט זיא דער נגיד אויב עס איז וויניג פאר דיר וועל איך דיר דער לייגין אונ האט איהר גיגעבין א גרעסערע נדבה האט זיא אויך נישט גיוואלט נעמין אונ זיא איז געשטאנין צו מיטט אונ האט איהם נאר גישט גיענטפערט האט דער נגיד צו איהר געזאגט איך זעה אז דו ביסט א פאר ביטערט גמיט זאג וואס קען איך דיר העלפין וועל איך זיך נישט אפ זאגין פון דיין בקשה אויב איך וועל נאר קענען האט זיא גיענטפערט זיא וויל מיט איהם רידין אונ א בעזינדער חדר האט דער נגיד גיענטפערט דו ווייסט נישט אז אמאנכבארשין טאהר זיך נישט מיחד זיין מיט א אשה האט זיא איהם גיענטפערט מיט מיר מעגסטו זיך מיחד זיין ווארים איך בין דיין ווייב ווייא ער האט דאס דער הערט איז ער זייער דער שראקין גיווארין נאך דעם האט ער זיא גיפרעגט ווער ביסטו אונ וועמעס טאכטער ביסטו האט זיא איהם פאר צייהלט אונ גזאגט מיט אללע סימנים פון דער חופה האט ער גיזעהן אז עס איז אמת אירע רייד אונ ער האט שוין זיא יעצט דער קאנט האט ער איהר גיפרעגט אויב זיא וויל ווינין מיט איהם צו זאמין צו זיא וויל א גט מחמת ער איז א הוקער איז זיא איהם געפאלין צו דיא פיס אונ האט גיבעטין ער זאל איהר מוחל זיין וואס זיא האט גיזינדיגט א קעגין איהם אונ האט גיזאגט אז יעצט וויל זיא מיטין גאנצין הארצין זיין מיט איהם ווארים דו צרות האבין איהר אן גילערינט אונ פון היינט אהן וועט זיא שוין זיין א גיטרייע ווייב האט דער נגיד זיך זייער גיפרייט אונ האט זיא בעקלייד בגדי מלכות אונ האט זיא גענומין צו זיך אונ הויז אונ האט מיט איהר געלעבט א גוט לעבין. האט דער נגיד גיזאגט יעצט פאר שטייא איך וואס דער צדיק האט גיזאגט זכה עזרתו בעט איך דיך מיין ווייב אז מיר זאלין היטער אויך אזוי פיהרין אונ געבין צדקה וועלין מיר האבין נחת אונ זייא האבין אזוי גיטאהן אונ האבין דער לעבט גוטע קונדער אונ האבין פון זייא גיהאט נחת אונ וואס א טאג זענען זייא גיווארין רייכער אונ ער איז גיוועזען פון דו גרעסטע חסידים פון רוזינער צדיק זי"ע ועל כל ישראל: